STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07570

GERANGL

D. Zakalik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. זאַקאַליק / געראַנגל

ד. זאקאליק

גערֿאַנגל

געשריבן: אין לובלין און רוים — 1944—1946

אַרויסגעגעבן ביי דער י. ל. פרץ־ביבליאָטעק

תל־אביב, תשי״ח — 1958

ד. זאַקאַליק / געראַנגל

אַרויסגעגעבן ביי דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק

D. ZAKALIK / GERANGL

Written: 1944–46

נדפס בישראל, תשי״ח

Printed in Israel 1958

דרוקעריי „אורלי״, יסוד המעלה 27, תל־אביב

לזכרון

מיין טאַטן י ש ר א ל

מיין פרוי ר ח ל (זיגלבערג)

אונדזער טעכטערל ל י ל י

מיין ברודער פ ס ח

זיין פרוי ש ר ה ־ א י ט ה

זייער זון א ב ר ה ם

זייערע טעכטער: ל י ו ב אַ, ז אַ ש ע, א ס ת ר

מיין שוועסטער פ ע ר ל

איר מאַן ה ע ר ש ־ ל י י ב (פּאַסטערנאַק)

זייערע זין: ב ר ו ך, י ע ק ב

מיין שוועסטער ס אַ ל ע

איר מאַן ו ו אָ ל ף (קליינזינגער)

זייער טעכטערל ב ר כ ה ל ע

אומגעקומענע אויף קידוש השם אין די יאָרן

תש״א — תש״ד.

הקדמה

אין דער דייטש־נאַציסטישער וויסנשאַפט וועגן יידנטום האָט לובלין פאַרנומען אַ ספּעציעל אָרט; עס איז געמלעך דורך די נאַציסטישע יידן־קענער באַטראַכט געוואָרן ווי דער צענטער פונעם יידישן גייסטיקן לעבן, ווי דאָס אָרט, פון וואַנען עס שטראַלט אויס אויף דער גאַנצער וועלט די יידישע תורה און פון וואַנען דאָס יידנטום פון גאָר דער וועלט רעגירט.

צוויי דערשיינונגען אין דער געשיכטע פון יידן אין דער שטאָט האָבן גורם געווען צום אַנטשטיין פון דער דאָזיקער — איבעריק צו זאָגן פאַלשער — טעאָריע, דאָס זענען, ראשית, דער פאַקט, וואָס דאָ פלעגט זיך צונויפקומען אין משך פון קנאַפּע צוויי יאָרהונדערטער דער ועד־ארבע־הארצות — (פון מיט 16־טן ביז מיט 17־טן יאָרהונדערט בערך), וואָס די יידן־קענער האָבן אויס־געטייטשט ווי אַ מלוכה אין אַ מלוכה, מיט כמעט אַן אומבאַגרע־נעצטער מאַכט איבער אַלע יידן; צווייטנס, דאָס אַנטשטיין אין 1936 יאָר פון דער „ישיבת חכמי לובלין", וואָס אויך איר „מאַכט" איז דורך די נאַצי־טעאָרעטיקער באַוווסטזיניק איבערגעטריבן גע־וואָרן. ביי יידן — האָבן זיי געמלעך געשריבן — קאָן ווערן אַ רב נאָר דער יעניקער, וואָס האָט געענדיקט די דאָזיקע ישיבה; און — פאַרשטייט זיך — אַזאַ רב איז נישט סתם אַ „פּרעדיקער", נאָר

אַן אַגענט פון דער אַלוועלטלעכער יידישער געהיימער מלוכה, און אַזוי ווייטער און ווייטער...

איז דעריבער — ווען מ׳האָט אין דער מלחמה קעגן פוילן איינגענומען די דאָזיקע שטאָט, האָט מען דאָס ספּעציעל געפּייערט לויטן נאַציסטישן נוסח: אויפן הויף פון דער ישיבה האָט מען צעפלאַקערט אַ גראַנדיעז פּייער, וווהין מ׳האָט געשליידערט די ספרים פון דער ישיבה, אין דער זייט איז געשטאַנען אַ מיליטערישער אָרקעסטער, וואָס האָט געשפּילט טריומפירנדיקע מאַרשן: מ׳האָט דאָך באַזיגט דאָס וועלט־יידנטום! איינגענומען זיין הויפּטשטאָט! אפילו די נאַצישע צייטונגען האָבן וועגן דער פּייערונג געשריבן!

ס׳לייגט זיך דעריבער אויפן שכל, אַז צוליב די דאָזיקע סגולות, וואָס די שטאָט לובלין האָט געהאַט אין די אויגן פון די נאַציס, האָט מען דווקא זי אויסגעקליבן צו ווערן דער צענטער פון דער „יודען־פאַרניכטונג״, דאָ נעמלעך האָט געאַרבעט דער שטאַב, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אויסראָטונג פון די יידן אין אַזוי גערופענעם גענעראַל־גוווערנעמענט — ווי אויך מחוץ פון זיינע גרענעצן (צ. ב. ביאַליסטאָק). דאָ זענען אויסגעאַרבעט געווארן די פּלענער און צוגעגרייט געוואָרן די קאַדרען, וואָס האָבן געדאַרפט „לעזן דאָס יודענפּראָבלעם״..... דאָ האָט אויך זיך געפונען די צענטראַלע לייטונג פון די טויטנלאַגערן: בעלזשעץ, סאָביבאָר, מיידאַנעק, טרעבלינקע, ווו עס זענען אומגעקומען יידן פון גאַנץ אייראָפּע.

דאָ — אויפן לובלינער געטאָ — זענען אויך אויסגעפּרווּווט געוואָרן די מעטאָדן פון אַדורכפירן אַקציעס און אויסזידלונגען, וואָס מ׳האָט דערנאָך אָנגעוואַנדן אין אַנדערע מקומות.

קיין וויסנשאַפטלעכע געשיכטע וועגן דעם לעצטן צייט־אָפּשניט פון דער יידישער געשיכטע פון דער שטאָט האָבן מיר — צו אונדזער גרעסטן באַדויערן — ביז צום היינטיקן טאָג נישט,

הגם די שטאָט פאַרדינט עס מער ווי יעדע אַנדערע. בלויז פּרוּוון זענען אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן.

אָבער אויך אין דער בעלעטריסטישער ליטעראַטור אין יידיש האָט די שטאָט נישט פאַרנומען דאָס אָרט, וואָס ס׳קומט איר אָן שום ספק. און דאָס איז נוגע נישט נאָר דעם לעצטן פּעריאָד פון דער געשיכטע, די יאָרן פון אונדזער חורבן: 1939 — 1945, נייערט בכלל די פינף הונדערט יאָר, וואָס יידן האָבן זיך אין דער שטאָט לובלין געפונען און געקעמפט פאַר זייער רעכט צו לעבן און... בלייבן יידן.

נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף קלענערע זאַכן, עפּיזאָדישע דערציילונגען, לידער, לידלעך וכדומה וועגן לובלין, און אויך זכרונות וועגן דער שטאָט — דר. גרשון לעווין א. א. — איז כדאי דאָ צודערמאָנען, אַז דעם אַלטן לובלין האָט געווידמעט אַ פּאָר קאַפּיטלען שלום אַש אין זיין פּראַכטפולער מיסטעריע „קידוש השם".

די לעצטע פאַר צענדליק יאָרן פאַר דער מלחמה האָט טייל־ווייז אָפּגעשפּיגלט יעקב גלאַטשטיין אין זיינע צוויי ראָמאַנען — זכרונות: „ווען יאַש איז געפאָרן" און „ווען יאַש איז געקומען".

דאַקעגן די מלחמה־יאָרן — אויך בלויז טיילווייז, אָדער ריכטיקער געזאָגט: אויפן שפּיץ מעסער, האָט באַרירט — טאַקע אין די מלחמה־יאָרן — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי אין איר בוך: „פון לובלין ביז ניו־יאָרק, אַ טאָג־בוך פון רבקה זילבערג" (ניו־יאָרק, 1942), ווו דער טראָפּ ליגט אָבער אויף ניו־יאָרק, נישט אויף לובלין.

און דאָס איז — דאַכט זיך — אַלץ.

בלוט־ווייניק!

אַ פּרוּוו צו געבן אין אַ ליטעראַרישער פאָרם אַ קורצע געשיכטע פון גאַנץ לובלין אין יענע צייטן מאַכט דער מחבר דוד זאַקאַליק אין דער דאָזיקער דערציילונג, וואָס ליגט פאַר אונדז.

אויף ווי ווייט די דאָזיקע שווערע — מכל הבחינות — אויפגאַבע, וואָס זאַקאַליק האָט זיך געשטעלט, איז אים געלונגען, און אויף וויפל ס׳איז אַ צושטייער צו דער חורבן־ליטעראַטור — וועט אויך משפטן דער ערנסטער און גרינטלעכער לייענער.

נחמן בלומענטאַל

תל־אביב, 30.1.1958

א

ביינאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַסטיק־געדיכטע שיסערײַ פֿון האַרמאַטן. פֿײַער־פֿײַלן זענען פֿאַרבײַגעפֿלויגן די פֿענצטער. עראָ־פּלאַנען האָבן געזשומט. באַמבעס האָבן אויפֿגעריסן. דאָס גאַנצע הויז האָט אַ ציטער געטאָן.

יורי איז אויפֿגעשפּרונגען, אַרויסגעכאַפּט זײַן טעכטערל פֿון בעטל און מיט שרעטשען, זײַן פֿרוי, אַראָפּגעלאָפֿן זיך באַהאַלטן אין קעלער.

אין קעלער־באַהעלטעניש זענען שוין געווען אַלע שכנים פֿון דעם הויז. מיטן ערשטן אַליאַרם־רוף האָבן זיי זיך אַהין פֿאַרקליבן. ביי אַ פֿאַרקאָפּטשעטן לאָמטער געזעסן. דריי זענען זיי געווען: פּינחס, דער זייגערמאַכער, וועמען די ברייטע ברעמען האָבן פֿאַר־בייזערט זיין פּנים. ער האָט פֿאַרכאַפּט דאָס איינציקע פֿרייע ווינקל אין קעלער, אַוועקגעזעצט פֿראַדלען, זײַן הויכוווקסיקע ייִדע־נע, און זײַן טאָכטער לובטשע. אַליין אַוועקגעזעצט זיך קעגנאיבער זיי און נישט געוואָלט זיך רירן פֿון אָרט. דאָס ווינקל, האָט ער געהאַלטן, איז דאָס זיכערסטע אָרט. — „אַלץ קאָן איינפֿאַלן, אָבער אַ ווינקל בלייבט". זאַלץ, דער בוכהאַלטער, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַרמרוישעט דאָס רעכטע אויג, מחמת זײַן שטענדיקער רגילות אַרײַנצוקוקן אין די חשבונות מיט איין אויג, און זײַן איידל מיט איר

פוטער־מאַנטל אויף דער האַנט, האָבן זיך פּאַרוקט צווישן קעסטלעך. הערש־בער, דער שפּייז־קרעמער, איינגעהילט אין אַ קאָץ, האָט גע־ציטערט פון שרעק און קעלט. זיינע צוויי יינגלעך האָט ער אַוועק־געזעצט אין דער פוטרינע — „דאָס איז דאָס שטאַרקסטע אָרט" — האָט ער פאַרזיכערט — „אַז עס ברעכט זיך, איז דאָך ערשטע דער מיטן. אין אַ סכנה איז מען נאָענט צו דער טיר". חנהטשען, זיין יידענע, מיט איר מענעריש פּנים און בלאָנד־מאָכיקע וואָנצעלעך, האָט ער נישט באַכגעקוקט. ער איז זיכער געווען, אַז זי וועט אַליין אויסגעפינען פאַר זיך אַ גוט באַהעלטעניש.

יורי, און שרהטשע מיט זייער טעכטערל, אסתרל, זענען אַראָפּגעקומען די לעצטע. שרהטשע האָט מיטגעבראַכט אַ באַפּט־מאַשינקע און פענדלעך, זי זאָל קאָנען אָפּקאָכן עפּעס פאַרן קינד, ווייל זי האָט נישט געוווּסט ווי לאַנג מען וועט מוזן זיצן באַהאַלטן אין קעלער. זיי האָבן נישט געהאַט קיין אָפּגעקליבן אָרט ווו זיך איינצואָרדענען, כאָטש דער קעלער איז געווען זייערער. ער האָט דאָ געהאַלטן די ליידיקע קעסטלעך, וועלכע ער האָט נישט געהאַט ווו צו שטעלן אין געוועלב. ווינטער האָט ער דעם קעלער פאַרדונגען אַן אויבסט־הענדלער, וואָס האָט דאָ אָנגעשאָטן עפּל.

זאַלץ, וואָס איז געווען מיט יורין גאָר היימיש, האָט זיך גע־וואָנדן צו פּינחס זייגערמאַכער ער זאָל אָפּטרעטן יורין זיין אָרט.

— ס'איז יוריס קעלער, פּינחס. גיב אים אַ שטיקל אָרט זיך צו זעצן.

— אדרבא, זאָל ער זיך זעצן — האָט פּינחס געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט.

— איצט איז נישטאָ קיין מיינס, דיינס — האָט יורי געזאָגט.
— זיץ, זיץ, פּינחס!

יורי איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. אין די אויערן האָט נאָך געריש דאָס זשומען פון די עראָפּלאַנען. ער האָט נישט געקוקט, נישט געזוכט פאַר זיך קיין באַקוועמלעכקייטן, ווו עס איז געווען אַ שטיקל פריי אָרט, דאָרט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט. ער האָט געהאַלטן לעבן זיך שרהטשען און זיין טעכטערל, וואָס האָבן געציטערט און זיך געטוליעט צו אים.

הערש־בערס ייִנגל האָט געהאַלטן אַ פלעשל, איז עס אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און אַ שטאַרקן זעץ געטאָן, האָבן אַלע אַ ציטער געטאָן:

— אוי, אוי פאָטער אין הימל! — האָט זיך געהערט פון ווינקל אַ פרויען־שטימע.

באַגינען האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַרטילעריע־קאַנאָנאַדע, עס האָט אויפגעהערט די מאַשינגעווער־שיסעריי. יורי איז אַרויס פון קעלער־באַהעלטעניש און דורכן שמאָלן פאַרשטעלטן הויף־אַריינגאַנג איז ער אַרויף אויפן דריטן גאָרן, צו זיך אין דירה, אַ קוק טאָן צי עס האָט אַמאָל נישט פאַרבלאָנדזשעט אַהין אַ שפליטער פון אַ שראַפּנעל.

אין שלאָף־צימער איז אַלץ געבליבן גאַנץ, אַפילו די נאַכט־לעמפלעך אויף די שענקלעך און דער גלאָזיקער אַבאַזשור פון זשיראַנדאָל. נאָר אויף די פלושענע בעט־דעקן זענען געלעגן גרויסע פלעצלעך קאַלך, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון סופיט; אָבער אין עס־צימער, ווו די פענצטער קוקן אַרויס צו דער גאַס, איז אַ חורבן: אַלע שויבן אויסגעבראָכן, איבערן גאַנצן צימער צעשאָטן ברעקלעך שויבן־גלאָז. אין די קרעדענץ־אַלמערלעך זענען אַלע קרישטאָלענע הויכפיסיקע קעלישקעלעך צעבראָכן, דאָס פאָטאָגראַפישע בילד, ער מיט שרהטשען, וואָס זיי האָבן געמאַכט צומאָרגנס נאָך זייער חופה,

איינגערעמט אין אַ מאַסיוו זילבער־אָקסידירט רעמל, אויף אַ באַזונ־דער שטענדערל — איז איצט געלעגן אויפן דיל פאַרשאָטן מיט גלאָז־שפּליטערס. דער ווייסער קאַפּל־איוון, וואָס שרהטשע פלעגט היטן, אַז די ווייסקייט זיינע זאָל בלאַנקען, איז איצט גראָ פון שטויב.

יוריס בליק איז געפאַלן אויפן גרויסן טואַלעט־שפּיגל. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אויסזען. די נעכטיקע שיסעריי, דער געקנאַל און געקראַך, פון וועלכע די ווענט האָבן געציטערט ווי אָט פאַלן זיי איין און אַלע ווערן פאַרשאָטן אין קעלער — האָט זיין פּנים פאַרחושכט; אַ האַלב פּנים ווי פאַרכאַפּט פון אַ פלאַם און ברוין־בלאָ. עפּעס האָט פאַרנעפּלט זיין בליק. ער האָט זיך אָזש אַ וואַקל געטאָן, גענומען גיין פון איין שטוב אין דער צווייטער אַהין און צוריק. — „מען דאַרף דאָך עפּעס טאָן... יאָ, אָבער וואָס טאָן? לויפן... אָבער וווהין לויפן? אויף דער גאַס — דייטשישע מיליטער־פאַרפּאַסטנס טראָגן זיך אויף מאָטאָציקלען. זיי שרייען, באַפעלן — „פאַרמאַכן די פענצטער! נישט וויזן זיך אויף דער גאַס!“. יורי איז שטיין גע־בליבן אין שרעק ביים פענצטער אָן שויבן — „וואָס טוט מען? — אַלע פאַרשטעקט אין די קעלערס און אַרום — אַ תוהו־ובוהו!

ווען יורי איז אַרויס פון קעלער און קיין שיסעריי האָט זיך נישט געהערט מער, האָבן אַלע שכנים, די מענער און די פרויען, באַהאַלטענע אין קעלער, פאַרשטאַנען, אַז די שטאָט איז פאַרנומען דורך דעם דייטש. קיינער האָט נישט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט. יעדער באַזונדער האָט געשפּירט, אַז עס איז נישט גוט. די פרויען, וואָס פלעגן אָפט זיך שושקען צווישן זיך, האָבן נישט אַרויסגעלאָזן קיין פּאַרע פון מויל. די שרעק פאַרן דייטש איז נישט קלענער גע־וואָרן ווי דער פּחד פאַר די עראָפּלאַנען־באָמבעס. שרהטשע האָט נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן, האָט זיך שטאַרק דענערווירט וואָס יורי איז נאָך נישטאָ צוריק. איר לענגלעך פּנים האָט זיך

פאַרצויגן מיט קניטשן. זי האָט געהאַט צוגעגרייט עסן פאַרן קינד און האָט פאַרגעסן אַראָפּצונעמען דאָס פענדל מאַנע־קאַשע פון דער נאַפּט־מאַשינקע, די קאַשע איז צוגעברענט געוואָרן און די מאַשינקע האָט זי דאָך נישט פאַרלאָשן.

ביז יורי איז נישט צוריקגעקומען האָט קיינער נישט געוואָלט אַרויסגייען פון קעלער. אַז ער איז נאָך לאַנגע שעהען געקומען כדי מיטצונעמען שרהטשען מיטן קינד, האָבן אַלע מאַנסלייט אים אַרומגערינגלט און געבעטן דערציילן וואָס עס הערט זיך אין דרויסן. יורי האָט דערציילט, אַז גרויסע מחנות מיליטער ציען דורך די גאַסן; אַז פּלאַקאַטן רופן אַלע מענער פון 20 יאָר אָן זיך צוצושטעלן אויפן מאַרקפּלאַץ. אַלע האָבן אומהיימלעך געשוויגן. קיינער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען. אויך אים אַליין האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטער. הערש־בער האָט גענומען זיינע צוויי יינגלעך, אַ רוף געטאָן — חנהטשע! און איז מיט זיי אַרויס פון קעלער. נאָך אים האָבן זיך גערירט פון אָרט אויך די אַנדערע.

ב

פאַרנאַכט. דער הימל גראָ פאַרוואָלקנט. די ברייטע הייזער אויף לעוואַרטאָווער גאַס איינגעהילט אין מרהשחורהדיקייט. פון אַלע עקן גייען מאַנסלייט, יונג און אַלט, צום מאַרקפּלאַץ. אין זייערע אויגן פּחד און צעשטרייטקייט — „וואָס וועט דאָרט זיין?״

יורי גייט אין איין טריט מיט זאַלצן. איינער קוקט אויפן צווייטן און בײדע שווייגן. מיטאַמאָל גיט זאַלץ אַ פרעג:

— וואָס באַדייט דער צענויפטרייב, יורי?

— שווער צו זאָגן. כ׳האָב פאַרשידענע השערות. איך פיל עפּעס אַ מאָדנע שרעק. אַ פיינלעך געפיל שטיקט מיך.

אויפן מאַרקפּלאַץ אַרום די איבערגעקערטע סטראַגאַנעס זענען פאַרזאַמלט אַ סך מענטשן. דער פּלאַץ איז אַרומגערינגלט. דייטשן פון ווערמאַכט, איינער פון צווייטן אָפּגערוקט נאָר עטלעכע טריט, שטייען מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן אין די הענט.

— היניין! היניין! — שרייען די זעלנער.

אַ גרויסער המון יידן. יונג און אַלט. אַ געלויף, אַ שטיקעניש.

יורי זוכט אַרום זאַלצן — אין געלויף פאַרלוירן איינער דעם צווייטן. ער גייט נישט, נאָר ווערט געשטופּט. נישט ווייט פון אים אין עק פּלאַץ איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן. אויף דער צווייטער זייט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ מיידל.

— אַ שוועסטער, אַ שוועסטער מיינע. קאָן איך איר עפּעס זאָגן? — האָט דער יונגערמאַן זיך געבעטן ביים דייטש.

דער וואַכמאַן האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן. דער יונגערמאַן האָט גענומען גיין צו דער שוועסטער. אַ שאָס האָט דורכגע־שניטן די לופט. דער יונגערמאַן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אַנידערגעפאַלן.

— וואָס מיינט מען מיט דעם צוזאַמענטרייב אויף ביי נאַכט?

—פאַרוואָס עפּעס דווקא דאָ אויף דעם פּלאַץ?

— אפשר קאָנטראָל, אַ ציילונג?

— וואָלט מען קאָנטראָלירט ביים אַריינגיין.

— ווער ווייס, ווער ווייס?

אַזעלכע השערות און פרעגענישן הערט יורי אַרום זיך פון פאַרשידענע זייטן. ער קוקט אויף דער מאַסע בלייכע, צעשראָקענע

פנימער. די אויגן פול מיט פחד. יונגעלייט גייען אַרום און באַרויקן דעם עולם: „אַז מיר זענען אַלע צוזאַמען, וועט אונדז קיין שלעכטס נישט געשען". עס פאַלט צו די נאַכט. די פיס ווערן מיד פון שטיין. פלייצע לענט זיך אָן פלייצע. מען ציט זיך אויס אויף די שטיינער. אויפן הימל קאַלטע שטערן.

— אוי ווי פינצטער — שעפּטשעט ווער נעבן יורין.

— עס וועט נאָך פינצטערער זיין — מורמלט אַ צווייטער.

נאַכט. אַ טיפע פינצטערקייט. די וואַכלייט שיסן אין דער לופט.

— קאַלט! — פּליסטערט איינער ווי צו זיך אַליין און קלאַמערט זיך אין זיין שכן.

— וואָס טוט זיך אין דער היים? זיי לעבן דאָרט אין טויט־שרעק. אך, די געדערעם קערן זיך מיר איבער אין בויך — רעדט עמעצער.

ווידער טאָג. אויף די מאַרקביידלעך אַ ווייסער פּראָסט־שלאַם. די וואַך שיסט אויף וויוואַט. דער עולם קאַרטשעט זיך פון קעלט. פּנימער צעקנייטשטע מיט אויפגעלאָפענע קישעלעך אונטער די אויגן. מיילער האַלב־אָפן מיט שוים אויף די ליפּן.

— היינט אַ שטרענגערע וואַך.

— מערער מיליטער צוגעקומען.

— מן־הסתם גרייט מען זיך צו עפּעס.

אַ שעפּטשעריי טראָגט זיך פון מויל צו מויל, ווי דאָס שורשען פון בלעטער אין אַ ווינט.

— עס האָט זיך אָנגעהויבן! — הערט זיך אַ ציטעריק קול.

— יאָ?

ד. זאַקאַליק

— זיי באַטאַפּן, זוכן!

— זיי שלאָגן!

— יאָ, זיי שלאָגן!

— וואָס זוכן זיי?

— געווער זוכן זיי!

— ביי אונדז גע—ווע—ער!... קלינגט אָפּ עמעצנס שטים מיט ביטערן שפּאָט.

שוין ווידער פאַרנאַכט. אַלע זענען שוין אַדורך די רעוויזיע. איינער פאַרבינדט זיך זיין פאַרבלוטיקט אויער. אַ צווייטער פאַרשטעלט זיך דאָס מויל — געכאַפּט אַ קלאַפּ אין די ציין. אַ דריטער האַלט זיך ביים בוך, דרייט זיך פון ווייטיק. אַ גאַל־שוים ריזלט איבער זיינע ליפּן. פּנימער איינגעפאַלענע. דער הונגער שפּיצט די נעז. — אַ מעת־לעת נישט געגעסן.

עס פרישעט אַ רעגנדל. עס פאַלט־צו די נאַכט.

— ווי לאַנג וועלן זיי אונדז האַלטן?

— זענען מיר אַרעסטירט?

— ווער ווייסט.

— און קיינער האָט נישט מיטגענומען עפּעס צום עסן?

— אפילו אין תפיסה קריגט מען דאָך עסן!

— עסן? — דו וועסט נעמען פון זיי עסן?

עס ווערט שטיל. דאָס רעגנדל ווערט שטאַרקער. ווער עס האָט אַ מאַנטל פאַרלייגט די פאַלעס איבערן קאָפּ. מען שטעלט אויף איבערגעקערטע סטראַגאַנעס און מען באַהאַלט זיך אונטער זיי.

מיטאַמאָל פאַלט אַ שאָס. איינער און נאָך איינער. זעלנער רינגלען ווידער אַרום דעם פּלאַץ. זיי טרייבן — „נאָך האוזע, לאָס!

נאָך האוזע, לאָס!״ מענטשן לויפן. אַ געדראַנג. מען שפּרינגט איינער איבערן צווייטן.

— יורי! יורי! — הערט יורי שרהטשעס קול. זי רופט אים. ער וויל נאָכגיין דעם קול. געשריי און טומל פאַרטויבן עס.

— שרהטשע! שרהטשע! — רופט יורי. ער איז הייזעריק. ער אַליין הערט קוים זיין אייגן קול.

ג

סעפּטעמבער 1939. די זון באַציט מיט אַ גאָלדן שלייער דעם פייערלעשערטורעם. פון די מיט טוי באַצויגענע דעכער הייבט זיך אַ פּאַרע. די ברייטע הייזער אויף לעוואַרטאָווער גאַס זענען איינגע־הילט אין דרימל. איבער די פענצטער הענגען נאָך די דעקעס, וואָס אין אָוונט פאַרשטעלן זיי דאָס עלעקטרישע שטובליכט פאַרן דרויסן. די קאָלירטע שילדן איבער די געשעפטן זענען איצט באַ־דעקט מיט שטויב. טיר און טויער פאַרהאַמערט, פאַרקלאַפּט, די גאַסן זענען ווי אויסגעשטאָרבן — נישטאָ קיין לעבעדיק נפש.

פון באַגינען אָן מאַרשירן קאָלאָנעס מיליטער. אַלע פרייע פּלעצער זענען באַזעצט מיט זעלנער. עס־עס־לייט לויפן צעווילדע־וועט איבער די גאַסן. אָט הערט זיך אַ בראַזג פון גלאָז — אויסגע־שלאָגן אַ שויב אין אַ געשעפט. מען ברעכט אויף שלעסער פון קראָ־מען. מען זעט דייטשישע זעלנער מיט באַלנס מאַנופאַקטור אויף די אַקסלען. פון צייט צו צייט פאָרט דורך אַ מאַשין אָנגעלאָדן מיט סחורה — רויב פון יידישע קראָמען. יורי האָט שפּעטער זיך דער־

וווּסט, אַז ס׳איז אויסגערוימט געוואָרן פערלמאַנס שניטקראָם. אָקערשט צוגעפאָרן אַ לאַסטאויטאָ צו אייזנמאַנס געוועלב. אייזנ־מאַן האָט געמוזט אַליין עפענען דאָס געשעפט. אַליין געמוזט אַרויס־טראָגן די באַלנס שניט־סחורה און אַרויפלייגן זיי אויפן אויטאָ.

— וועסט מוזן, יורי, עפענען די קראָם! — זאָגט צו אים שרהטשע.

— איך וועל נישט עפענען! — וואַרפט יורי גלייך אָפּ.

— עס איז אַ פאַראָרדענונג פון דער געשטאַפּאָ, יורי! יידישע געשעפטן מוזן זיין אָפן.

— און אַז נישט?

— וואָס הייסט — נישט? אַ באַפעל!

— פאַר די רויבער איז דאָס געשעפט סיי ווי אָפן.

— וועסט נישט טון אַנדערש ווי אַלע טוען, יורי! איך וויל נישט האָבן דעם דייטש ביי אונדז אין שטוב. איך וויל נישט. עפן, לאָז זיין אָפן!

— אַז עס וועט זיין אָפן און קיין סחורה אין קראָם וועט נישט זיין, וועלן זיי פאַרלאַנגען כ׳זאָל שאַפן סחורה! דאָס אוודאי נישט!

— אַז דו ווילסט נישט, וועל איך דאָס טאָן.

— דו אויך נישט, הערסט! — וואַרנט יורי שטרענג און זיין פנים ווערט בלייך ווי קאַלך.

— יורי, איך האָב מורא פאַר דיר, יורי! — רעדט שרהטשע שטיל און קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין.

— און איך האָב מורא פאַר דיר. פאַר אונדזער קינד. מיר זענען איצט אין דעם לייבס לאַפּעס. מיר דאַרפן אַ טראַכט טאָן וואָס צו טאָן?

— מענטשן אַנטלויפן אין די פאַרנומענע מזרח־געביטן.

— בלויז ראַטעווען זיך?

עס איז אַריינגעקומען אײַערוויץ, דער שכן פֿון אַנטקעגנ־איבער, וואָס האָט זיין געוועלב אין שכנות מיט יורין, אַ מיטל־וווקסיקער, מיט אַ בלייך פּנים און קליינע טיף־איינגעפֿאַלענע אויגן. אַן ערלעכער מענטש. אויך אין האַנדל זיך געפֿירט ערלעך. איז עטלעכע מאָל געניזוקט געוואָרן און דאָך זיך נישט אונטערגע־געבן, נישט אַוועק פֿון געשעפֿט — אַרויסגעקראָגן ביים שווער אַ צווייטן נדן, אויסגעצאָלט די חובות און ווידער געשטאַנען אויף די פֿיס גלייך מיט אַלע אַנדערע סוחרים. ער איז איצט אַריינגע־פֿאַלן צו יורין קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם.

— איך האָב שוין נישט קיין געשעפֿט. אויסגערוימט!

— און אונדזער געוועלב?

— פֿריער איז עס באַך געווען געשלאָסן. איצט ווער ווייסט?

— איך גיי אַ קוק טאָן! — האָט שרהטשע געזאָגט און געכאַפּט אויף זיך די פּאַטשיילע.

ד

יורי האָט זיך איינגעשפּאַרט נישט צו עפֿענען זיין געוועלב. שרהטשע האָט אָבער געטאָן ווי זי האָט פֿאַרשטאַנען, אויס מורא פֿאַר דער שטראָף פֿאַר נישט צופּאַסן זיך צו דער פֿאַראָרדענונג אָפּן צו האַלטן די געשעפֿטן. זינט די דייטשן האָבן אָנגעהויבן כאַפּן יידן אויף דער גאַס, איז יורי נישט אַרויס פֿון שטוב. שרהטשע האָט אים נישט געלאָזט אַרויסגיין אויף דער גאַס. טאָג־טעגלעך פֿאַרפֿאַרן עס־עס־לייט מיט לאַסטאויטאָס און כאַפּן יידן — יונג און אַלט — אויף

אַרבעט. עס ווערט אַ געלויף, אַ בהלה. יידן באַהאַלטן זיך אין די הייף, אויף בוידעמער, אין קעלערס. מען פאַרשטופּט זיך אין אַלמערס. אַ סך פאַלן אַריין בשעתן געיעג.

— יורי, מ׳כאַפּט! — לויפט אַין מאָל שרהטשע אַריין אַ פאַר־סאפּעטע אין שטוב.

— אַוועק פון פענצטער. מאַך נישט קיין פּאַניק — זאָגט יורי באַמיענדיק זיך צו בלייבן רויק.

— יורי, שטיי נישט!

— וואָס זאָל איך טאָן?

— באַהאַלט זיך. מען זאָגט, אַז זיי קומען נעמען פון די הייזער!

— ווער איך נישט גיין.

— שלום זעלדעס באַהאַלט זיך אין אַ קויש מיט וועש.

— איך נישט!

— איך האָב מורא, יורי! — בעט זיך ביי אים שרהטשע. זי גייט צו צום קויש וועש, עפנט די דעק — גיי אַריין, יורי. עס איז דאָך נישט אויף לאַנג. — בעט זי זיך ביי אים.

— איך גיי אַראָפּ אין קעלער.

— טאַטע, מיינער! דו וועסט אַרויס פון שטוב? — האָט שרהטשע מיט שרעק אויסגעשריגן. זי האָט פאַרמאַכט דעם קויש און אָנכאַפּנדיק יורין מיט ביידע הענט, האָט זי אים אָפּגעשטויסן פון דער אַרויסגאַנג־טיר.

תמיד בעת אַ „לאַפּאַנקע" איז צווישן יורין און שרהטשען געקומען צו אַ שפּאַרעניש. זי האָט זיך געבעטן ביי אים רחמים ער זאָל זיך באַהאַלטן, און ער האָט דווקא געוואָלט ווייזן תקיפות, פריי אַרומגיין און זיך נישט לאָזן כאַפּן. לעצטנס האָט ער איר נאָכגע־

געבן. ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַפּעריי, האָט ער זיך באַהאַלטן אין דער קליידער־שאַנק, — אַ פון פריער צוגעגרייט אָרט.

יורי איז אַמאָל געווען אַ לערער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון לערעריי נאָך דעם, ווי שרהטשעס פאָטער איז געשטאָרבן און די קאָלאָניאַל־קראָם איז געבליבן אָן אַ בעל־הבית. די מוטער שרהטשעס, איז געווען קראַנק און נישט געקאָנט פירן די קראָם, האָט יורי אָפּגעלאָזט זיין לערער־שטעלע און זיך אַריינגעלאָזט אין מיסחר. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ סאָציאַליסט. שפּעטער האָט ער זיך אַ קער געטאָן אויף רעכטס. ער איז צווישן זיינע חברים און פריינד געווען באַקאַנט ווי אַן אויפריכטיקער און ערלעך דענקנדי־קער מענטש. ער האָט געקענט אַ סך מענטשן אין שטאָט און אַלע האָבן אים געקענט און געהאַט צו אים צוטרוי. מענטשן האָבן אָפּט מיט אים זיך געעצהט. ער האָט זיך באַפריינדיקט מיט זאַלצן, דעם בוכהאַלטער. זאַלץ איז אָפּט אַריינגעקומען צו אים.

זאַלצן האָט מען געכאַפּט אויף אַרבעט. אויף יוריס פאַרלאַנג האָט שרהטשע עטלעכע מאָל געמוזט אַראָפּגיין אין זאַלצס וווינונג, זיך דערוויסן צי ער איז שוין געקומען.

גלייך ווי זאַלץ איז צוריקגעקומען, איז ער באַלד אַריין צו יורין:

— זיי וואָלטן מיך נישט גענומען, ווען נישט דאָס שייגעצל, די כפרה, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף מיר. איך האָב נישט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן און שוין שטייט פאַר מיר דער מחבל, דער עס־עס־מאַן — „יודע?" — פרעגט ער און עס גליען זיינע בייזע אויגן. — יודע! ענטפער איך, וואָס דען זאָל איך זאָגן, אַז מען האָט שוין אָנגעוויזן אויף מיר? — „קאָם, קאָם!" — טוט

ער אַ רוף און שטעלט אַן זיך ביקסל אויף מיר. גיי איך ווי געַ־ווײנלעך אויפן טראַטואַר. — „ניין!“ — גיט ער אַ געשריי — נישט אויפן טראַטואַר, און דאַס ביקסל איז ווידער גרייט צום שיסן. גיי איך אַראָפּ פון טראַטואַר. פירט ער מיך צו צו דער קראַקאָווער גאַס. דאָרט שטייט אַ גרויסע לאַסטמאַשין, צוגעדעקט מיט אַ פּלאַנדעקע. איך קום צו נענטער — נאָך איינבײנדער שטייט. אַ דייטשל, אַ קליינ־וווּקסיקס, דאַר ווי אַ שפּאַן הייסט אים אַרויפקריכן אויף דער מאַשין. איז ער דאָך נעבעך אַ געבראָכטער, נאָך, העלפט אים דער זעלנער, ער שטופּט אים אונטער מיט דעם ביקס־שטעקל. נאָך אַכצט און קרעכצט. פון אינעווייניק האָט מען אויסגעשטרעקט צו אים אַ פּאָר הענט, אים אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסלען, און קוים אַריינגעשלעפּט. איך בין אפילו נישט פון די פלינקע, נאָר אין אַ סכנה קריגט מען קוראַזש — שטרענג איך זיך אַן און וואַרף זיך שנעל אַריבער איבער דעם שוץ־ברעט. אין גאַנצן גלאַטיק איז עס מיר נישט אַדורך, דער דייטש, וואָס האָט צוגעהאָלפן נאָך איינשטייגן, האָט מיר אַ וויש געטאָן מיט דעם בייטש־שטעקל, צי מיט עפּעס אַנדערש, דער רוח ווייסט אים, אַזש איך האָב דערזען פייער־פונקען פאַר די אויגן. אין אויטאָ זענען דאָ נאָך מענטשן. מיר פאָרן. איך בין שוין געקו־מען צו זיך. כ'קוק זיך אַרום, ווער נאָך פון באַקאַנטע אַחוץ נאָך איז דאָ אויף דער מאַשין? איך זע נישט קיין פּנימער. אַלע האַלטן די קעפּ אַראָפּגעבויגן. די פּנימער פאַרשטעקט אין די אויפגעשטעלטע קעלנער. יידן? פרעג איך — יאָ, יידן — זאָגן זיי. — הייבט אויף די קעפּ. וואָס, דער פּחד? — זאָג איך. ס'באַווייזן זיך פּנימער. איך דערזע פאַר זיך אונדזערע יידן: בינעם טאָבעס, כאַסקל פּרומקעס, היים העשעלעס, מאירלען. זיי רעדן נישט קיין וואָרט, פון שרעק מסתמא, האָבן מורא דאָס מויל עפענען. די מאַשין האָט זיך אָפּגעַ־שטעלט. צוויי עס־עס־לייט האָבן זיך געשטעלט פוןביידע זייטן.

— אויסשטייגען!

— אויסשטייגען, איז אויסשטייגען. ס׳איז אָבער נישט אַזוי גרינג אַראָפּצוגיין. קיין לייטער איז נישטאָ. מען מוז אַראָפּשפּרינגען. מיר זענען אַלע נישט קיין גרויסע שפּרינגער, האָט יעדער געכאַפּט אַ וויש מיט אַ רימען, מיט אַ דיקן רימען. און ווי וועמען עס האָט אָפּגעגליקט. בינעם איז נעבעך אַנידערגעפאַלן און קוים זיך אויפגעהויבן.

— האָט איינער נישט געהאָלפן דעם צווייטן? — טוט יורי אַ פרעג.

— אַ שיינע פראַגע, יורי! — העלפן! אַז דו ביסט אַליין אין אַ סכנה, טראַכטסטו נאָר וועגן זיך.

— נו־נו, דערצייל ווייטער.

— אין פערדשטאַלן האָט מען אונדז אַריינגעפירט. עס האָבן שוין דאָרט געאַרבעט יידן, געכאַפּטע ווי מיר אין גאַס, זיי האָבן צונויפגעשאַרט מיסט. מיט וואָס מיינסטו? — מיט די גאָלע הענט! אליהו הירשמאַן, דער וויין־סוחר, אַן אויסגעפּוצטער — קאָנסט דאָך אים, דער עלעגאַנט — האָט ער צו דער אַרבעט אָנגעטאָן הענטשקעס. נו, האָט דאָס דערזען דער עס־עס־מאַן. — „דו ווילסט מיר זאָלן דעם קריג פאַרשפּילן! — האָט דער עס־עס־מאַן אַ ברום געטאָן, אויסגעצויגן זיין ראַפּניק און מיטן גאַנצן כוח אים דערלאַנגט איבערן אַקסל. אליהו האָט זיך איינגעבויגן, האָט ער אַ צווייטן שמיץ געקריגן איבערן קאָפּ און בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן. אליהו האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. האָט דער דייטש אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און אַ ריטשע געטאָן:

— אַר־ביי־טען!

וויפל יידן זענט איר דאָרט געוועז? — האָט יורי אַ פרעג געטאָן.

— כ׳מיין אַ צוויי מנינים.

— און דייטשן?

— צוויי.

— האָבן אַלע צוואַנציק געשוויגן?

— וואָס רעדסטו, יורי, ווער וועט וואַגן עפּעס צו זאָגן, ווען דער טויט שטייט פאַר די אויגן?

— ער וואָלט נישט געשאָסן.

— יאָ, אָדער נישט, געשלאָגן וואָלט ער זיכער.

— פאַרוואָס שלאָגן. יעדער מענטש מעג דאָך פאַרטיידיקן זיך.

— זוכסט ביי אַ קאָזאַק יושר?

עס איז אַריינגעקומען אייערוויץ, אַ פאַרסאַפּעטער.

— עפּעס נייעס, פּסח? — האָט יורי געפרעגט.

— טרויעריקע נייעס.

— דערצייל!

— דער אַלטער ר׳ יחיאל, נעבעך!

— צי נישט די עצמות, רייד!

— דו ווייסט נישט?

— ניין! וואָס? מען האָט ר׳ יחיאלן געכאַפּט?

— יאָ.

— נו?

— לאָז אָפּעטעמען.

שרהטשע איז צוגעקומען.

— אייער מרדכעלען לאָזט איר צופיל אַרומלויפן, אייערוויץ.

— ווענדט זי זיך צו אים.

— ער האָט היינט געברענגט אַ שפּאַר ביסל קאַרטאָפל. ווען נישט ער, וואָלט טאַקע נישט געווען קיין קאַרטאָפל אין שטוב.

— אָבער נאָך אַ יונג קינד.

— איז וואָס מיט ר׳ יחיאלן? — פרעגט יורי.

— יאָ, אַן עס־עס־מאַן האָט אים געכאַפּט, אָבער ווי אַזוי. הערט: ר׳ יחיאל איז אינדערפרי געגאַנגען פון בית־מדרש אַ היים. טלית און תפילין אונטערן אָרעם, זיינע צוויי שפּיצן־באָרד צע־קעמט, וואָס דאַרף איך אייך דערציילן ווער ער איז? צ׳קאָנט דאָך אים, מיט זיין געלאָסן, בנעימותדיקן גענגל, טריט ביי טריט. איז אים אַנטקעגן געקומען אַן עס־עס־מאַן. — „קאָממע, קאָממע!" — האָט ער אַ רוף געטאָן און אַריינגעפּירט אים אין אלשעווסקיס הויף. אין מיטן גערטנדל שטייט דאָרט אַ קעסל, אַ הויכער קעסל, האָט ער געהייסן ר׳ יחיאלן אַריינגיין אין קעסל. ר׳ יחיאל האָט זיך קוים אַריינגעקריגן אַהין. ער האָט געמיינט אַז די „שפּיל" האָט זיך געענדיקט. דער דייטש האָט געהייסן ר׳ יחיאלן אַרויסנעמען דעם טלית, זיך איינוויקלען אין אים און טאַנצן. דער עס־עס־מאַן האָט דעם אַלטיטשקן דערלאַנגט אַן אויפהער קלעפּ נאָך קלעפּ. אַ נס איז געשען, וואָס דער דייטש איז גיך אַוועק אינמיטן, מ׳האָט אים גע־רופן. ער האָט אים געקאָנט דערהרגענען. איצט ליגט ער נעבעך, ר׳ יחיאל, אין גרויס ווייטיק.

עס האָבן זיך דערהערט טריט, שווערע זעלנערישע טריט. אַלע זענען זיצן געבליבן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. שרהטשע איז פּאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צום פענצטער, צורעכט געמאַכט די שטאָרן. עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז ס׳איז נישט גוט פאַרצויגן און מען קאָן פון דרויסן זען אַז ביי זיי איז ליכטיק.

נאָך דעם ווי זאַלץ און אייערווייז זענען אַוועק, איז יורין באַפאַלן אַ שווערער אומרו. ער האָט געשפּאַנט פון ווינקל צו ווינקל, גערעדט צו זיך עפּעס און נערוועז געמאַכט מיט די הענט.

— וואָס איז, יורי? — האָט שרהטשע געפרעגט.

— גאָרנישט.

— פאַרוואָס זשע ביסטו אַזוי אומרויק?

— דאָס באַהאַלטן זיך איז נישט קיין וועג. אַ גאַנצע שטאָט קאָן זיך נישט באַהאַלטן, אגב האָט מען דאָך שוין געהערט, אַז זיי שלעפּן אַרויס פון די וווינונגען. איך קלער צי מען וואָלט נישט געדאַרפט זיך קעגנשטעלן די אָנפאַלן פון די דייטשן.

— באַרויק זיך. מענטשן זאָגן דאָך, אַז די מלחמה וועט לאַנג נישט דויערן.

ה

אַ גאַנצע נאַכט האָבן פון דער גאַס זיך געהערט שווערע טריט. זעלנער זענען געגאַנגען הין און צוריק. שרהטשע איז וואַך געווען, זיך צוגעהערט צו די טריט. האָט זי אַ דרימל געטאָן, איז נאָר אויף איייניקע מינוטן. יורי האָט אַ גאַנצע נאַכט געררעדט פון שלאָף, געקריצט מיט די ציין. געהאַט, ווייזט אויס, אַ שווערן חלום.

אינדערפרי. דאָס מאָרגנליכט האָט קוים אַריינגעשיינט דורך די פאַרשטעלטע פענצטער, שרהטשע איז געזעסן און אויף דער שויס דאָס טעכטערל, וואָס האָט דווקא געוואָלט אויפוועקן דעם טאַטן. יורי האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— איך וועל גיין עפענען דאָס געוועלב — האָט ער געזאָגט.

— וואָס פעלט דיר איין, יורי, וואָס רעדסטו?

— די אַרבעט איז נישט פאַר דיר, דו דאַרפסט נישט. דו דאַרפסט נישט אַזוי שווער אַרבעטן.

— אָבער די כּאַפּערייען, יורי!

— איך וועל זיך קאָנען אַן עצה געבן.

— ניין, יורי! אין אַלע קראָמען זיצן איצט נאָר פּרויען. איך בין נישט די איינציקע. ס׳איז מיר נישט שווער.

אסתרל האָט זיך אַראָפּגערוקט פון דער מאַמעס שויס אויפן אויסגעשפּרייטן קילעם און גענומען פון קלעצלעך אויפשטעלן אַ טורעם. שרהטשע האָט זיך אָנגעטאָן, גרייט צו גיין עפענען די קראָם.

— אַז עס וועט זיך מאַכן אַ „לאַפּאַנקע״ אין גאַס וועל איך קימען דיר אָנזאָגן, יורי.

— כ׳זע אַלץ פון פענצטער, דאַרפסט נישט לויפן.

— שאַ! דאַכט זיך אַ געלויף!

שרהטשע איז אַוועק.

אויף דער גאַס אַ טומל. אַ זעלנער יאָגט זיך נאָך אַ ייד, אָבער נישט קיין „לאַפּאַנקע״. שרהטשע האָט געעפנט די קראָם, אָבער לאַנג איז זי דאָרט נישט געזעסן. זי האָט געהערט וועגן נייע פאַר־אָרדענונגען און געוואַלט, אַז יורי זאָל שוין וויסן וועגן דעם.

אין שטוב האָט זי שוין געטראָפן שכנים: פינחסן און הערש־בערן. ביידע האָבן דערציילט וועגן די נייע גזירות:

— זעקס אין אָוונט מוזן שוין יידן זיצן אין די שטובן. יידן טאָרן נישט גיין אויפן טראָטואַר. יידן מוזן אַראָפּנעמען דעם הוט פאַר יעדן דייטשישן מיליטערמאַן.

— שוין היינט זיך געטאָן חושך. אַ דייטש האָט זיך צוגע־טשעפּעט צו פינחס פּערלען, אַז ער האָט צו שפּעט אַראָפּגענומען ס׳היטל פאַר אים. אים אַ קאַפּע געטאָן אונטערן בויך. פינחס

פערל איז אַנידערגעפאַלן און קוים אַ לעבעדיקער זיך אויפגעהויבן.

— אַ סברה, אַז יידן וועלן מוזן אָנטאָן אַ געלע לאַטע! — זאָגט הערש־בער.

— ווי אין פינצטערן מיטלאַלטער — גיט צו פּינחס.

— יידישע קינדער טאָרן נישט לערנען אין איין שול מיט פּוילישע קינדער.

— שרהטשע! שרהטשע! דו הערסט, וואָס זיי דערציילן? — רופט יורי.

— איך ווייס וועגן דעם אַלעם.

— זאָלץ און אייערוויז זענען אַריינגעקומען, היינט פריער ווי אַלע טאָג. טאַקע צוליב די גזירות. זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן וואָס פּינחס און הערש־בער האָבן גערעדט:

— בטחון, בטחון, יידן! אַמעריקע איז שוין אויך אין קריג, וואָס מער מלוכות דער קריג ציט אַריין, אַלץ נענטער איז דער סוף — האָט זאָלץ פאַרויסגעזאָגט.

— איינער אין פעלד איז נישט קיין העלד. „ער" איז איינער קעגן אַ סך און וועט מוזן פאַלן — האָט אייערוויז צוגעגעבן.

— אָפּטימיסטן! — האָט יורי אויסגעשריגן! — אַמעריקע איז נאָך דערווייל נישט אַקטיוו אין קריג, און איר רעדט שוין וועגן סוף. מיר זענען אין קלעם. מיר האָבן נישט וווּהין צו לויפן. די מלחמה מיינט יידן־פאַרלענדונג. „ער" זאָגט דאָס אין „מיין קאַמף" אָפן.

— יידן זענען שוין איבערגעקומען נישט איין המן. אויך „עם" וועלן מיר איבערלעבן — שרייט אויס זאָלץ.

— אוודאי, אוודאי! פאַטאַקעוועט אים אייערוויז.

יורי, וועלכער האָט זיך גוט אָריענטירט אינעם גאַנג פון די שלאַכטן און גאַנץ מרה־שחורהדיק געקוקט אויף דעם אויסגאַנג פון קריג, האָט געוואָרנט נישט צו נעמען אַזוי לייכט די סיטואַציע.

— מען דאַרף קוקן דערווירקלעכקייט גלייך אין די אויגן. די מאַזשינאָ־ליניע איז דורכגעריסן. דער דערפאָלג אין די קריגס־אָפּעראַציעס גיט צו מוט דעם שונא און פאַרשטאַרקט במילא זיין כוח. די דייטשן זענען אָנגעהעצט אויף יידן. זיי ווילן אונדז אומ־ברענגען.

— וואָס זאָל מען טאָן, יורי? מיר אַלע האָבן קינדער. ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך? — האָט הערש־בער ווידער אַמאָל געפרעגט.

— קודם־כל דאַרף מען זיין איניק, — יעדער ייד דאַרף זאָגן דעם אַנדערן אַלץ, וואָס ער ווייסט, און איינער דאַרף אָפּהיטן דעם צווייטן ווי זיך אַליין. קריגט אַ מענטש די מעגלעכקייט אַוועקצופאָרן, כאַפּט זיך ווער אַריבער די גרענעץ, ראַטעוועט זיך, דאַרף ער איבערגעבן וועגן דעם אַ צווייטן, און ווי ווייט מעגלעך, אים בייהילפיק זיין. יידן דאַרפן זיך העלפן אין דער גרויליקער צייט.

—די „לאַפּאַנקעס“, יורי די „לאַפּאַנקעס“! מען קאָן דאָך גאָרנישט גיין צו מענטשן זיך דורכשמועסן, — האָט פינחס געזאָגט.

— מען קאָן, אַז מען וויל. איך וועל אויך נישט זיצן מער אין שטוב. דאָס פּחדנות וועט אונדז קיין גוטס נישט ברענגען.

גלייך ווי די שכנים זענען אַוועקגעגאַנגען האָט שרהטשע זיך געוואָנדן צו יורין:

— פאַרוואָס ווילסטו דווקא ווייזן העלדישקייט, יורי? איך וועל דאָך נישט וויסן וואָס איבערצוקלערן וועגן דיר ווען דו וועסט נישט זיין אין שטוב!

— איך ווייס דאָס גאַנץ גוט. איך ווייס. מיר דאַרפֿן זיך אָבער ראַטעווען. און אפשר וועל איך אויסגעפינען אַ מיטל, אַ וועג פאַר אונדז און אויך פאַר אַנדערע. פון זיצן אין שטוב און באַהאַלטן זיך, וועט גאָרנישט אַרויסקומען.

איין מאָל איז שרהטשע אַ צעטומלטע, אַ פאַרסאפּעטע געקומען צו־לויפן אין שטוב:

— יורי, צפורה אונדזערע בלייבט אָן אַ דירה! יידן אין די צענטראַל־גאַסן מוזן פאַרלאָזן זייערע וווינונגען, ווער ווייסט צי זי איז שוין נישט אויפן גאַס. לויף שוין אַהין! — האָט זי פאַרבראָכן די הענט און זיך ביטער צעוויינט.

יורי האָט שנעל אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דאָס רעקל, און אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

שרהטשע האָט זיך געשטעלט ביים פענצטער, באַגלייט אים מיט די אויגן און תפילהדיק צו זיך געשעפּטשעט — „זאָל ער נאָר קומען בשלום״. לאַנג איז זי אַזוי געשטאַנען ווי אַ צוגעשרויפטע צום פענצטער, זיך נישט גערירט פון אָרט.

ו

די צענטראַלע קראָקאָווסקע גאַס, אַ ברייטע, אַ רחבותדיקע, מיט הויכע, שיין־געבויטע הייזער. אויף די שטאָקן — וווינונגען. אין פאַרטער געוועלבער, מאַגאַזינען. ביינאַכט האָבן די שויפענצטער אויפגעלויכטן מיט אַ בלענדיק ליכט. דאָ איז געווען דער הויפּט־

שפּאַציר פון די שטאָט־איינוווינער. איצט (נאָך דער פּאַראָרדענונג אַז יידן מוזן פאַרלאָזן זייערע וווינונגען) איז אויף דער גאַס אַ בהלה און געלויף. יידן, מענער, פרויען און קינדער לויפן מיט קלימעקלעך אויף די פּלייצעס פון דער גאַס אַוועק ווי פון אַ שריפה. פּעקלעך ווערן אַרויפגעוואָרפן אויף די קינדער־וועגעלעך. מען שלעפּט קישנס און פּערענעס. מען טראָגט פּעק איינגעוויקלט אין ליילעכער, קאָלדרעס אין געבלימטע טישטעכער. טאַטעס, מאַמעס דערשראָקענע, צערודערטע לויפן מיט די קינדער אויף די הענט.

יורי האָט שוין צפורהען נישט געטראָפן אין דער וווינונג. אין איין האַנט האָט זי געטראָגן אַ פּעקל, מיט דער צווייטער געפירט פאַרן הענטל פראַדעלען. יורי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אויף די הענט. הערשל, צפורה׳ס מאַן, איז אָנגעלאָפן מיט אַ פּעקל אין האַנט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן צו יורין מיטן קאָפּ, אים צוגע־וואָרפן דאָס פּעקל — „גוט וואָס דו ביסט דאָ" — האָט ער צוגע־וואָרפן און געלאָזט זיך לויפן ווייטער. — „ער האָט באַוויזן, הערשל, נאָך איידער די עס־עס־לייט זענען אַריינגעקומען אין שטוב, איבער־צוגעבן דאָס קישעלע, ס׳גאַנצע פאַרמעגן אונדזערס — צוקערפּיי־נען" — האָט צפורה אים געזאָגט. צוקערפּיין איז אַוועק מיט זיין משפחה אין שול, הערשל איז געלאָפן אים אויפזוכן, אָפּצונעמען דאָס קישעלע.

יורי, צפורה און דאָס קינד זענען אַריינגעקומען אין שטוב, צפורה און שרהטשע האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אויך יורין האָבן געגומען שטיקן טרערן. הערשל איז נאָך אַלץ נישט געקומען, איז יורי אַוועק אין שול אויפצוזוכן הערשלען, און אפשר טרעפן צוקערפּיינען.

אַז יורי איז אַריינגעקומען אין שול, האָט ער דאָס אָרט נישט דערקענט. די שול איז איצט נישט קיין מקום־קודש, נאָר א מקום־

מקלט, אַ הקדש. יידן פון די נאַר־וואָס אַרויסגעיאָגטע ווילנונגען, אין דער צענטראַל־גאַס האָבן זיך אַהער אַריינגעקליבן. אַ רעש, אַ געלויף, אַ געטומל, אַן ענגשאַפט. אויף די טישן, אויף די בענק, אויף די שטענדערס ליגן אָנגעוואָרפן קישנס, קליידער און קיך־כלים. אויפן שולחן, ווו מען לייענט די ספר־תורה, שטייט איצט אַ פרימוס־מאַשינקע. דער נר־תמיד מיט דעם גרינעם קאָלפּאַק, וואָס אויף אים פלעגט פאַלן דער ערשטער בליק בעתן אַריינ־קומען אין שול, איז איצט פאַרטונקלט, מען זעט אים קוים. דער הענגלייכטער, וואָס פלעגט פאַרבלענדן מיט זיין ליכט, זעט איצט אויס ווי אַ שוואַרצע, ריזיקע שפין. די באַלעמער־טרעפּלעך, אויף וועלכע אַ ייד פלעגט מיט יראת־הכבוד און פאַרכטיקייט אַרויפגיין צו דער עליה, זענען איצט באַזעצט מיט קינדער, וואָס וואַרפן אויף זיי די נישט־דערעסענע פעניצער ברויט. ביים ארון־קודש שטייען קינדער־וועגעלעך. די מאַמעס זיצן איינגעבויגן איבער די וועגעלעך, ס׳טריפן טרערן אויף די קינדער־קישעלעך. יינגלעך צעשטעלן די בענק. יורי שטופּט זיך צווישן די אָנגעלאָפענע פרעגט זיך אויף הערשלען. אלע זענען צעטומלט. קיינער ווייסט נישט וואָס ער וויל.

— געזען דאָ הערשלען? געזען מיין הערשלען? — פרעגט ער ביי איינעם.

— האַ? הערשלען זוכסטו? וואַרט. ווער איז עס הערשל? אהא! ניין, נישט געזען — ענטפערט ער.

— הערשלען? ווער קאָן איצט געדענקען וועמען געזען — ענטפערט אַ צווייטער.

יורי איז שנעל צוריקגעלאָפן אַהיים:

— הפקר, הפקר אונדזער לעבן — האָט ער גערעדט צו זיך — ווי, ווי!

הערשל איז געקומען. ער האָט אויסגעפּונען צוקערפּיינען און אָפּגענומען דאָס קישעלע. ער איז אָבער געווען אַזוי מיד און דער־שעפּט, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען צו אים צו רעדן. ער האָט זיך געלייגט אויף דער סאָפקע און נישט צוגעלאָזט צו זיך קיינעם.

צפורה האָט געבראָכן די הענט און אויסגערעכנט וואָס זיי האָבן אַלץ איבערגעלאָזט אין דער דירה. זיי דאַרפן איצט פאַרשאַפן פאַר זיך דאָס נויטיקסטע פון וועש, הלבשה, און שיך. אַז זיי וועלן אויסגעבן דאָס געלט אויף די זאַכן, ווי וועלן זיי נעמען צום לעבן.

— ביזט מיט אונדז. וואָס מיר וועלן עסן, וועט זיין אויך פאַר דיר, יאָדע זיך נישט — האָט יורי זי באַרויקט.

דער אָונט איז צוגעפאַלן. שרהטשע האָט פאַרמאַכט די טירן, פאַריגלט אויף אַלע ריגלען. צפורה האָט גענומען פּראָדעלען מיט אסתרלען, אַוועקגעזעצט זיי אויפן בעט. זי האָט זיך צוגעזעצט צו די קינדער און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— וואָס וויינסטו, וואָס? — איז הערשל אויפגעשפּרונגען — נישטאָ וואָס צו וויינען, קיינער הערט נישט דאָס יידישע געוויין! — ער האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, בלייך געוואָרן ווי קאַלך און אַנידער־געפאַלן אויפן בעט. מען האָט אים קוים אָפּגעמונטערט.

ז

הערשל איז געקומען צו זיך. פון גרויס אויפרעגונג האָט דער געזונטער, שטאַרקער הערשל זיך איינגעבראָכן, געחלשט. הערשל

איז געווען אַ מענטש פון ברויזיקער ענערגיע און טעמפּעראַמענטי־קער בעל־עבודה. אַ בוי־אונטערנעמער. פלעגט אָפט אַראָפּוואַרפן פון זיך ס'רעקל, פאַרקאַטשען די אַרבל און צוהעלפן דעם מויע־רער, דעם ליים־מישער, כדי די אַרבעט זאָל גיין לעבעדיקער. ער פלעגט תמיד זיין אין באַוועגונג, — אָן אומרו, אַז ער איז געשטאַנען, האָט ער זיך געשאָקלט, ווי ער האָט עס געטאָן בעתן דאַווענען. פרייטיק, באַלד נאָך דעם אויסצאָלן די אַרבעטער דעם לוין, האָט ער זיך גענומען מנוחה, האָט שוין נישט געוואָלט הערן וועגן קיין גע־שעפטן, אַפילו אָפּנעמען אַ חוב איז ער שוין אין דער צייט נישט געגאַנגען. ער האָט זיך אויסגעטאָן פון אַלעם וואָכעדיקן, זיך גע־גרייט צו קבלת־שבת, זיך געוואַשן, געפּוצט, אָנגעטאָן דאָס רונדע קאַשקעטן־היטל, די קורצע געהאַקטע קאַפּאָטע און אַוועק אין שול. ער איז געווען איינער פון די ערשטע וואָס זענען געקומען צו קבלת־שבת אין שול.

אויף וויפל שרהטשע האָט געהאַט אַ השפּעה, אַז יורי זאָל נישט גיין אין גאַס, האָט צפּורה, הערשלס, נישט געקאָנט זיך איינ־בעטן ביי אים ער זאָל זיצן אין שטוב.

— איך בין נישט קיין מפּיל־קינד — האָט ער געזאָגט צו צפּורהען.

איין טאָג איז הערשל געקומען אַהיים און געבראַכט די טרויע־ריקע נייעס, אַז די געשטאַפּאָ האָט גערופן ד"ר אַלט, אינזשעניער ברוק, דעם פּאַפּיר־סוחר קעסטנער; דעם צוקערלעך־פאַבריקאַנט פעלער און אַנדערע פּני פון שטאָט. מסתמא האָט ווער אָנגעוויזן אויף זיי. מען זאָגט, אַז די קהילה־לייט אַליין האָבן רעקאָמענדירט די פּערזאָנען. מען רעדט וועגן קאָנטריבוציע, עטלעכע קילאָ גאָלד פאָדערט דער דייטש. די פינף פאָרשטייער ווערן נאָמינירט דורך דער געשטאַפּאָ און צוקאָאָפּטירט צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג.

אַ קלינג אין טיר. עס זענען אַריינגעקומען זאַלץ און אייערווייז. ביידע פאַרדאגהטע און פאַרקלעמטע. יורי האָט זיי איבערגעגעבן, וואָס הערשל האָט דערציילט. זיי האָבן שוין וועגן אַלעם געוווּסט. זאַלץ האָט ווי אַ געניטער אין די ענינים אויפגעקלערט:

— אויס קהילה. פון היינט אָן וועט זיין אַ יודנראַט! די פינף צוקאָאָפּטירטע צו די קהילה־לייט, דורך דער געשטאַפּאָ, זענען די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער מאַכט. זיי דאַרפן אָנפירן מיטן יידישן לעבן דאָ.

— אַ נײַ וואָרט — יודנראַט! — האָט יורי געזאָגט מיט ביטערן שמייכל. — אויב די דייטשן האָבן נאָמינירט, וועט דער יודנראַט זיכער נישט זיין דאָס, וואָס די יידן דאַרפן האָבן, נאָר דאָס, וואָס דער דייטש דאַרף.

ס'איז נישט וויכטיק דער נאָמען. עמעצער דאַרף אונדז רעפּרעזענטירן ביי דער מאַכט. זיי אַלע זענען געווען עסקנים, זאָלן זיי אויך איצט טאָן, וואָס עס לאָזט זיך צו העלפן אונדז — האָט אייערווייז זיך אָנגערופן.

— עס איז דאָך אַזוי, יורי — האָט שרהטשע זיך אַריינגעמישט.

— און איך זאָג, אַז וואָס עס איז גוט פאַר די דייטשן, איז שלעכט פאַר אונדז — האָט יורי זיך געהאַלטן ביי זיינס. די פינף נאָמינירטע וועלן זיין ערובניקעס, און ווי קאָן אַזאַ ערובניק פריי פאַרטיידיקן דיך, מיך, צי אַנדערע, אַז ער אַליין איז תמיד אין סכנה. ער מוז ראַטעווען זיך און קאָן נישט קלערן וועגן ראַטעווען אַנדערע. דער יודנראַט וועט ניט זיין קיין זעלבסטפאַרוואַלטונג, נאָר אַן אויספיר־אינסטאַנץ. איר זעט דאָך, אַז זיי פאַרמיטלען שוין וועגן געמען ביי אונדז גאָלד פאַר די דייטשן!

— אפשר וועלן זיי פועלן אָפּצושטעלן דאָס גאַסן־קאַפּריי? — האָט זאַליע געזאָגט.

— עס מוז דאָך זיין ווער ס׳זאָל רעדן אין אונדזער נאָמען, וואָס זאָל אונדז העלפן בשעת־צרה — האָט אייערוויִיז צוגעבאָמקעט.

— געהערט זיי נעמען צו באַאַמטע, ווילן אַנגאַזשירן וואָס מער מענטשן צו דער אַרבעט אין יודנראַט, כדי וואָס ווייניקער יידן זאָלן שטיין פֿאַר דער געפֿאַר געכאַפּט צו ווערן אויף אַרבעט. אדרבא, זאָלן זיי טאָן, זאָלן זיי העלפן — האָט זאַליע געזאָגט.

— איך מיין, אַז מיט גאָרנישט טאָן, וועלן מיר געוויס גאָר־נישט דערגרייכן — האָט אייערוויִיז זיך אָנגערופן — די דייטשן ווילן אַרבעטער, וועט דער יודנראַט באַשטימען ווער ס׳זאָל גיין אַרבעטן. ווער עס וועט נישט קאָנען אַליין אַרבעטן, וועט באַצאָלן איינעם וואָס זאָל אים פאַרטרעטן. איך מיין, אַז אויב די געשטאַפּאָ לאָזט אונדז יידן אַליין רעגולירן אונדזער לעבן, דאַרפֿן מיר זיין צופרידן דערמיט. די יודנראַט־מיטגלידער זענען דאָך אונדזערע יידן, וועט איין ייד שלעכטס טאָן אַ צווייטן, און נאָך אין אַזאַ צייט?!

— הערשל איז אויפגעשפּרונגען:

— יורי איז גערעכט! דער יודנראַט וועט אויספירן דעם דייטשס באַפעלן. מיר וועלן פון יודנראַט קיין האָניק נישט לעקן!

שרהטשע האָט נישט געוואָלט איר מאַן זאָל וועקן אומצוטרוי צום יודנראַט, מאַלע וואָס עס קאָן זיך מאַכן... האָט זי געפּרוּווט אַ סוף מאַכן צום גאַנצן וויכוח. זי האָט זיך געכאַפּט מיט די הענט פֿאַרן קאָפּ — „געוואַלד״! זאָל שוין זיין גענוג. דער רעש מאַכט דול. די קינדער קאָנען נישט איינשלאָפֿן.

יורי האָט געבעטן שרהטשען נישט שטערן:

— עס איז דאָ אַן עדה יידן — האָט ער געזאָגט — זיי דאַרפֿן וויסן דעם אמת, און צו זיי וועל איך רעדן. פֿאַרוואָס לאָזט מען די־

אַרויסגעטריבענע פון די דירות אין צענטראַל־גאַס זיך וואַלגערן אין שול, פֿאַרוואָס זאָרגט מען נישט פֿאַר זיי? —

יעדעס וואָרט זיינס איז געווען אָנגעלאָדן מיט כעס. זיינע רייד זענען געווען ווי כעס־קוילן.

ווען דער יודנראַט האָט אין משך פון עטלעכע טעג איינגע־צאָלט די קאָנטריבוציע אין גאָלד, וואָס מען האָט צוזאַמענגענומען ביי די יידן אין שטאָט, און די געשטאַפּאָ האָט ווייטער פֿאַרלאַנגט פון אים צוצושטעלן יידן צו אַרבעט, און אפילו די כאַפּעררייען אויף די גאַסן האָבן נישט אויפגעהערט, האָט יורי פֿאַרבעטן צו זיך די שכנים — הערש־בער און פינחסן:

— מען דאַרף העלפֿן, העלפֿן יידן! — האָט ער צו זיי זיך געוואָנדן — מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז גאַנצע פֿאַמיליעס זאָלן ליגן אין שול, אין ענגשאַפט, אין שמוץ, אין קויט. מען טוט גאָר־נישט איינצואָרדענען זיי אין וווינונגען. דער יודנראַט מאַכט זיך כלאָ־ידע.

— יאָ, מען דאַרף העלפֿן! — האָט פינחס צוגעשטימט, אָבער ווי אַזוי?

יורי האָט גענומען הערשלען און אַנדערע שכנים און אַוועק מיט זיי אין שול.

אין שול איז געשטאַנען אַ געדיכטע פּאַרע, וואָס האָט גע־זעצט פון די טשייניקעס, וואָס זענען געשטאַנען אויף די באַפּט־מאַשינקעס.

יורי האָט אַ רוף געטאָן:

— יידן! יידן! וואָס וועט זיין פון אייך? איז דאָס אַ תכלית צו ליגן דאָ מיט אייערע פרויען און קינדער?

פון בענק, טישן, שטענדערס האָבן זיך אַ הייב געטאָן קעפּ.

יורין האָבן אַרומגערינגלט יידן אין צעקנאָדערטע מלבושים, פּעדערן אויף די היטלען, אין די פּאות; בלייכע, אויסגעמאַטערטע פּנימער. אויגן רויטע, אָנגעשוואָלענע פון נישט־דערשלאָפן.

— אַדרבא, אפשר ווייסט ווער וואָס מען קאָן טאָן? — האָבן עטלעכע פון זיי געפרעגט, אויסשטרעקנדיק די הענט, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט באַלדיקע הילף.

— מען גיט אונדז עצות זוכן דירות. ווער וויל עס נישט? אָבער ווו נעמט מען געלט? — האָט יונה דער שטריקער־אַרבעטער זיך אָנגערופן. זיין באַפּעדערט פוטער־היטל האָט אויסגעזען ווי באַשנייט. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו יורין, און אַקצענטירנ־דיק יעדעס וואָרט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט: — ווו נעמט מען אויף דירה־געלט, אַז די רוצחים האָבן אַלץ צוגענומען.

צוויי פרויען איינגעהילט אין טיכלעך זענען צוגעקומען:

— מיר האָבן נישט באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך אפילו די נויטיקסטע זאַכן. מיט פּיצלעך קינדער זענען מיר. קוים געפונען אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ, וויל מען אויך דאָס פון אונדז צונע־מען! — האָבן זיי מער געוויינט ווי גערעדט.

— מיר זענען נישט געקומען אַרויסיאָגן אייך פון דאַנען, חלילה! — האָט הערשל באַרויקט די פרויען.

— דער יודנראַט דאַרף העלפן! — האָט הערש־בער אַ זאָג געטאָן.

— דער יודנראַט פּאָדערט מיר זאָלן אַרויס פון דאַנען! — רופט זיך אָן יונה מיט אַ ווייטיק־ביטערן שמייכל.

— דער יודנראַט גיט אַוועק גאָלד די דייטשן מען זאָל נישט כאַפּן קיין יידן פון דער גאַס, און מען כאַפּט דאָך! דער יודנראַט טוט, וואָס די דייטשן פאַרלאַנגען פון אים. די דייטשן האָבן געקריגן אַ באַקוועמען אופן אַרויסצוקריגן פון יידן זייער האָב און גוטס.

דער יודנראַט דאַרף זאָרגן פאַר אײַך, שאַפן פאַר אײַך דירות. זיצט נישט! קומט! מיר װעלן מיט אײַך גײן צום יודנראַט. מיר װעלן זײ זאָגן, װאָס זײ דאַרפן טאָן — האָט יורי אױפגעפאָדערט דעם עולם.

— מיר גײען, מיר גײען! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— נאָר אָן געשרײַ, אָן געפּילדער — האָט יורי אײַנגעשטילט די אױפגעצאָרנטע יידן. גײט נישט אַלע צוזאַמען און מאַכט נישט אָן קײן טומל אין גאַס.

*

אין עטלעכע טעג אַרום זענען די יידן פון דער שול אײַנגע־אָרדנט געװאָרן אין װױנונגען בײַ משפחות, מיט גרעסערע דירות. פּינחס און הערש־בער האָבן די ערשטע אָנגעבאָטן זײער גרײטקײט אַרײַנצונעמען אין זײערע דירות עטלעכע משפחות. פּינחס, װאָס האָט געהאַט אַ גרעסערע דירה, האָט גענומען צו זיך צװײ משפּחות, און הערש־בער האָט נישט געקאָנט אַרײַננעמען מער װי אײן משפחה, — זײַן דירה איז געװען צו קלײן. יורי איז באַקאַנט געװאָרן אַלס אַזעלכער, װאָס קאָן דאָך עפּעס פּועלן בײַם יודנראַט. יידן, װאָס זײ איז געשען עפּעס אַן עװלה מצד דעם יודנראַט, זענען געקומען צו יורין אױסרײדן זײער ביטער האַרץ, פרעגן אַן עצה.

אײַערװײַז האָט גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין יודנראַט. ער האָט זיך דערװוּסט, אַז דער יודנראַט שאַפט אַן אײגענעם אַרבעטס־אַמט נאָר פאַר יידן. דער אָבערשטורמפירער מײַנינגער האָט געגעבן אױף דעם זײַן הסכמה. ער, אײַערװײַז, האָט גלײַך געברענגט די בשׂורה...

— דו ווייסט גאָרנישט, יורי, וואָס פאַר אַן אויסוווּרף דער מייַנינגער איז — אויב ער גייט אין אויף אַ יידישן אַרבעטס־אַמט איז עס נאָר צו פאַרדאַנקען די יודנראַטניקעס. קענטיק אַז זיי האָבן דאָך אַ השפעה אין די הויכע פענצטער.

עס איז אַרייַנגעקומען זאַלץ, ער האָט קלאָר געמאַכט דעם ענין:

— יידן ווערן גערופן אויף אַרבעט, אָבער גאָר ווייניק שטעלן זיך צו. דער יודנראַט־רוף ווערט נישט רעספּעקטירט, רעכענען זיי, אַז — דער אַרבעטסאַמט אונטער מייַנינגערס אויפזיכט וועט זיין אומשטאַנד צו שאַפן דעם נויטיקן קאָנטינגענט אַרבעטער.

יורי האָט שוין געהאַט געהערט, אַז זאַלץ ווערט אַ באַאַמטער אין יודנראַט, און האָט זיך דעריבער גאָרנישט געוווּנדערט, וואָס זאַלץ פּרוווט כשרן די מעשים פון יודנראַט.

— איך זע נישט אין דעם קיין ישועה. ביי מיר הייסט עס אַליין זיך איבערגעבן דעם לייב אין די לאַפּעס! — האָט ער איבער־געריסן זאַלצס רייד.

— דו ביסט זיך טועה, יורי — איז זאַלץ אויפגעשפּרונגען — ד״ר אַלט און אינזשעניער ברוק זענען גוט באַקאַנטע געזעלשאַפט־לעכע טוערס, אַלע יאָרן זענען זיי געווען אונדזערע רעפּרעזענטאַנטן. זאָלן זיי מיט אַמאָל פאַרלירן יעדער אָריענטאַציע? ביסט זיך טועה, יורי!

— און איך זאָג נאָך אַמאָל, וואָס עס איז גוט פאַר דעם דייטש, איז שלעכט פאַר אונדז יידן — האָט יורי אָפּגעענטפערט.

אין דעם גאַנצן שמועס האָט זיך שוין קלאָר אָנגעזען, אַז זאַלץ איז אינפאָרמירט וועגן אַלץ וואָס טוט זיך אין יודנראַט. יורי האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— ווער וועט אָנפירן מיט דעם אַרבעטסאַמט?

— דודל און העניעק.

יורי האָט אויפגעציטערט:

— ווער? דודל! דער פּרעסע־רעפערענט פון סטאַראָסטע? דורך אים זענען דאָך יידן פאַרשיקט געוואָרן אין קאַרטוז־בערעזע! אים גיט מען איבער אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט, און העניקן — דעם קאָרטן־שפּילער?

— מען האָט שוין גערעדט וועגן דעם מיטן פּרעזעס ד״ר אלט.

נו, וואָס האָט ער געענטפערט?

— מען מוז האָבן אַזעלכע מענטשן — האָט ער געזאָגט.

יורי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:

— ניין! איך וועל דאָס נישט דערלאָזן! יידן טאָרן נישט מיטאַרבעטן מיט די דייטשן. מיר טאָרן נישט שטיין אין זייערע ד׳ אמות!

אייערווייז און זאַלץ האָבן זיך איבערגעקוקט פאַרוווּנדערט.

ח

דער יידישער אַרבעטסאַמט האָט פאַרנומען עטלעכע צימערן אין לאָקאַל פון יודנראַט: עווידענץ־אָפּטייל, אויספיר־אָפּטייל. צו די צימערן האָט געפירט אַ לאַנגער קאָרידאָר מיט ברייטע פענצטער, וואָס האָבן דורך קאַלירטע שויבן קוים דורכגעלאָזן אַ טונקל ליכט. ביי די ווענט זענען געשטאַנען בענק. דריי לאַנגע מאַסיווע ברייטע בענק. טאָג־טעגלעך איז דער קאָרידאָר געווען פול

מיט יידן, עלטערע, יונגערע און גאָר יונגע. יידן מיט פאַרבאַנדאַ־זשירטע הענט, מיט אַרומגעוויקלטע העלדזער, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשטעקט וואַטע. זיי זענען געקומען וויזן דעם לייטער פון אַמט, אַז זיי קאָנען נישט גיין צו דער אַרבעט. אַנדערע זענען געקו־מען בעטן אָפּלייגן דאָס גיין צו דער אַרבעט אויף אַ צווייטן טערמין. אַ קינד האָט געבעטן פאַרן טאַטן, אַ פרוי פאַר איר מאַן. אַלץ האָט זיך געשטופּט אַריינצוגיין צום לייטער פון אַמט — צו דודלען. אַ רעש, אַ טומל. יידן זענען געקומען מיט טענות און מענות:

אָקערשט געוועןן אויף אַרבעט און שוין ווידער!

— מיינער שפּייט שוין מיט בלוט! — שרייט אַ פרוי און צעוויינט זיך.

— אַרבעט! איז עס דען אַרבעט, עס איז דאָך קאַטאָרגע! — רעדט אַ ייד, אַ הויכער, דאַרער מיט קראַנקע אָנגעשוואָלענע אויגן.

דודל האָט זיך נישט געאײַלט אויסצוהערן אַלע. ער האָט יעדן איינעם לאַנג געהאַלטן און געפּאַרשט. ער האָט צוגערופן העניקן צו הילף און גענומען דעם ייד, וואָס האָט זיך געקלאָגט, אַז ער קאָן נישט גיין אויף אַרבעט, אויף אַ קרייץ־פאַרהער. דערווייל האָבן אין קאָרידאָר פון מינוט צו מינוט זיך פאַרזאַמלט מער און מער יידן. עס זענען געקומען הינקעדיקע אָנגעלענט אויף שטעקנס, אויף קוליעס; יידן אַלטע, איינגעבויגענע אין דרייען; יידן צעבראָכענע, קראַנקע.

— ווענען רופן זיי, מיך, וואָס קוים איך זשיפּיע? — רעדט אַן אַלטיטשקער.

— און וואָס וויל מען פון מיר? זאָלן זיי זעען מיינע געשוואָ־לענע אָדערן, צי איך קאָן גאָר שטיין אויף די פיס — רעדט אַ צוויי־טער אָנשפּאַרנדיק זיך אויף צוויי שטעקנס.

— און איך? מיינע הענט ציטערן דאָך, אַז איך קאָן אפילו קיין לעפל נישט האַלטן — רופט אויס אַ דריטער.

אַ פרוי מיט אַ צעטל אין דער האַנט האָט זיך אַריינגעריסן אין מיטן עולם מיט אַ געשריי:

— צו אים לאָזט מיך, צו דודלען לאָזט מיך! אַן אסטמאַ־ליידנדיקער! קוים ער עטעמט. ער זאָל אַרבעטן? זיי ווילן אים אומברענגען, די גזלנים.

*

יורי האָט גערעדט מיט מענטשן וועגן דעם אַרבעטסאַמט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דודלען און זיינע נאָכשלעפּער. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער אַרבעטסאַמט דאַרף זיין אַן אינסטיטוציע פון הילף און נישט קיין אונטערדריקונג. עס דאַרפן אוועקגעזעצט ווערן מענטשן מיט יושר, מיט האַרץ — מענטשן, וואָס ווילן באמת העלפן לינדערן די נויט, גרינגער מאַכן דאָס שווערע לעבן. איין טאָג האָט יורי געקראָגן אַ צעטל פון אַרבעטסאמט צו גיין אויף אַרבעט. שרהטשע און צפורה זענען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע. יורי האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט שטעלן. שרהטשע האָט אים געפּרוווט אָפּהאַלטן פון אַזאַ געפערלעכן טריט:

— נישט צושטעלן זיך צו דער אַרבעט איז ערגער. זיי קאָנען קומען דיך נעמען.

— הערשל האָט זיך אַריינגעמישט. ער האָט אויפגעזוכט קיווע דעם גלעזער, וואָס פלעגט גלאָזן די שענקלעך ביי יורין אין קראָם. ער האָט אים צוגעזאָגט גוט צו באַצאָלן און ער זאָל גיין

אַרבעטן פאַר יורין. אַז יורי האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— ניין! איך וועל נישט לאָזן, קיינעם נישט לאָזן אַרבעטן פאַר מיר.

צומאָרגנס איז ער אַוועק אין אַרבעטסאַמט, זיך דורכגעשטופּט דורך דעם וואַרטנדיקן עולם און גלייך אַריין אין דעם אויספיר־אָפּטייל. מען האָט אים אָפּגעשיקט אויף ליפּאָווע 7.

*

אַז יורי איז אַריינגעקומען אין הויף ליפּאָווע 7, איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. אַ גרויסער הויף מיט באַראַקן און שטאַלן. מענטשן אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, אַרומגעבונדן מיט שמאַטעס די פיס, פירן טאַטשקעס זאַמד, ציגל, מיסט. דער פירער, וואָס האָט אים מיט די אַנדערע געבראַנגט אַהער אַרבעטן, איז אַריין אין באַראַק־שטיבל איבערצוגעבן די רשימה פון אַרבעטסאַמט. ער האָט זיך דאָרט געזוימט און דערווייל איז געקומען די צייט פון מיטאָג. ביי דער קיך האָט זיך אויסגעשטעלט אַ ריי מענטשן. אַ שרעק האָט יורין אָנגעכאַפּט אָנצוקוקן זייערע פּנימער: אויסגעמאָגערטע, איינגעדאַרטע, פאַרשמירטע מיט שוויס און שטויב. יעדער האַלט אַ בלעכן שעכטל פון קאָנסערוון צו נעמען אין דעם דאָס ביסל שיטערע זופּ. די וואָס האָבן באַקומען דאָס „געקעכץ״ האָבן עס אַראָפּגעשלונגען מיט איין זופּ. אַנדערע דרייען זיך אַרום דעם מיסט־קאַסטן נעבן דער קיך. זיי האָבן אויסגעקליבן אַ קעפּל פון אַ מייער, קאַרטאָפל־שאָלעכץ און אַנדערע אָפּפאַלעכץ.

— דאָ מוז מען זיין געזונט! פאַר קראַנקע איז דאָ נישט קיין אָרט! — האָט איינער פון דער ריי גערופן צו יורין. ער האָט גע־קענט זיין פּנים, יורי, און זיך נישט דערמאנט דעם נאָמען.

— דאָ וואַרט מען נישט ביז מען הויכט אויס די נשמה! מען ווערט גלייך אַריינגעשליידערט אין גרוב! — האָט אַ צווייטער פון דער ריי צוגעגעבן.

יורי האָט באַלד זיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען געפאַנגענע יידישע זעלנער פון דער צעלאָזטער פּוילישער אַרמיי. טייל האָבן געאַרבעט ביי בויען באַראַקן הינטער דעם קאַטוילישן בית־עלמין. טייל ביי שוואַרצער אַרבעט.

— אונדז וועט מען אויך שיקן אויף אַזאַ אַרבעט? — האָט יצחק דער באַרשטן־מאַכער אַ פרעג געטאָן יורין, — מיר וועלן דאָך אומקומען דאָ.

די עטלעכע, וואָס זענען מיט יורין געשיקט געוואָרן אַהער צו דער אַרבעט, האָבן געוווּסט, אַז די לובלינער יידן, וואָס מען שיקט דורכן יודנראַט, ווערן צוגעטיילט צו אַרבעטן אין די שטעפּער־שוסטער, היטל־מאַכער, שלאָסער־ און שניידער־וואַרשטאַטן. יורי איז טאַקע אַריינגעפירט געוואָרן צו די היטל־מאַכער.

אַ קליינע שאָפּע, קליינע פענצטערלעך. די שפּאַרעס אין די ווענט פאַרשטאָפּט מיט מאָך און שטרוי. פיר יונגע מענטשן זיצן איינגעבויגן ביי די מאַשינען, זעקס זיצן אַרום טיש. צעשניטענע שטיקער שטאָף און פאַסן צעראַטע זענען אָנגעוואָרפן אויף און אונ־טער די טישן. די זעקס פאַרטיקן אויס דאָס, וואָס די פיר ביי די מאַשינען שטיקעווען צונויף. בערל, אַ קליין יידל, מיט אַ קליין פליכיק קעפל, אויף די אַקסלען פאַרוואָרפן אַ סענטימעטער־מאָס, קוקט אויף יורין מיט פאַרמרוזשעטע אויגן און זאָגט צו אים גוט־מוטיק:

— זעץ זיך און טו וואָס זיי טוען.

יורי האָט זיך צוגעזעצט צום ערשטן אַרבעטער. יענער האָט אים באַלד אָנגערופן זיין נאָמען — הענעך שטאָפּ.

בערל, דער מייסטער, האָט איבערגעריסן זייער געשפּרעך:

— טיטס, טיטס!

— איך האָב קיינמאָל קיין נאָדל נישט איינגעפעדעמט — האָט יורי געזאָגט צום מייסטער.

— כ'וועל שוין זען זאָלסט קאָנען, מוזט דאָך אָפּקומען די צוויי טעג — האָט בערל געזאָגט צו יורין. ער האָט גענומען אַ פּעקל שטאָף־שטיקלעך, צעשיט עס. די שטיקלעך צענומען, און אָנגעוויזן יורין ווי ער זאָל זיי צוזאַמענלייגן: — „מען דאַרף נישט דערקענען, אַז דו ביסט נישט קיין בעל־מלאכה" — האָט ער אים געזאָגט אויפן אויער.

— טוט, וואָס איך טו — האָט הענעך שטאָפּ געזאָגט צו יורין.

אויף ליפּאָווע 7 איז געווען אַן עס־עס־מאַן מיטן נאָמען דאָלף, אַ קליין־פּעסלדיקע פיגור מיט גרינע אויגן און שמאָלע צוגעשוי־רענע וואַנצעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי פּיאַווקעס. ער האָט זיך תמיד באַוויזן אויפן הויף אומגעריכט, אַריינגעפאַלן ווי אַ דונער אין די וואַרשטאַטן מיט אַ געשריי: פאַרוואָס מען אַרבעט נישט? פאַר־וואָס איז אַזוי שטיל? און אויסשיסנדיק אַ קויל פון רעוואָלווער, פלעגט ער פאַרשווינדן.

דעם צווייטן טאָג, אַז יורי איז געווען אויפן הויף און גע־גאַנגען צוריק צו דער אַרבעט־שטעלע, איז דאלף אָנגעפאַרן מיטן מאַטאַציקל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— העי, דו! — האָט ער צו יורין אַ רוף געטאָן.

יורי איז צוגעגאַנגען. דאלף האָט געפלאָמט פון כעס — האָסטו מיך געזען? — האָט ער געפרעגט, — יאָ, האָסט מיך געזען, פאַרוואָס ביסטו נישט אַנטלאָפן? אַהאַ! דו גייסט אַרום פאַרטראַכט, אַרבעטסט נישט — האָט ער אַ ריטשע געטאָן און מיט זיין בייטש־שטעקל דערלאַנגט יורין אַ שמיץ איבערן פּנים.

יורי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דאָס היטל איז אים אַראָפּגע־פאַלן. ער האָט זיך איינגעבויגן אויפצוהייבן דאָס היטל, האָט דאָלף אים ווידער אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש, זיך אַרויפגעזעצט אויפן מאָטאָציקל און אַוועק.

יורי האָט זיך באַמיט צו האַלטן אויף די פיס, אָבער ער האָט געפילט, אַז די קניען בויגן זיך אים אונטער. ער איז געפאַלן אין חלשות.

ווען יורי האָט, נאָך דעם ווי מען האָט אים אָפּגעמונטערט, זיך דערזען אין וואַרשטאַט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די אַרבעטער האָבן אים אַריינגענומען. ער האָט זיך דערמאָנט ווי עס האָט אים אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן און די קניען האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערבויגן.

— ביסט אַ ניי־געבוירענער! — האָט בערל געזאָגט, און גע־געבן יורין צו טרינקען. ער האָט אים אַוועקגעלייגט צווישן עטלעכע גרויסע פעק מיט שטאָף, אים גוט פאַרשטעלט, אַז ער זאָל קאָנען זיך אויסרוען.

אויפן פלאַץ איז געקומען אַ גרויסע מחנה מענטשן, געפאַנ־גענע פון דער צעלאָזטער פוילישער אַרמיי. זייערע מיליטערישע מאַנטלען צעריסן און צעפליקט, טייל באָרוועס, טייל די פיס אַרומ־געוויקלט מיט שמאַטעס. באָוואָקסענע, חושכדיקע פּנימער מיט

הייסן שלאָם אין די מויל־ווינקלען. יורי איז אַרויס צו זיי. מען האָט זיי געבראַכט פון אַ לאַגער אין דייטשלאַנד. זיי ווילן דער יודנראַט זאָל זיי העלפן.

— איז ווער דאָ פון יודנראַט ? — האָט יורי געפרעגט.

— מען איז געגאַנגען קלינגען — האָט איינער געענטפערט — מיר וואַרטן אויף אים, ער זוימט זיך צו לאַנג.

מענטשן האָבן זיך צעלייגט אויף דער פייכטער ערד. קער־פערס קאָרטשען זיך פון קעלט. טייל וויקלט אָפּ די שמאַטעס פון די פיס, אייטער רינט פון די געפּלאַצטע בלאָטערן. אייניקע האָבן זיך אויסגעצויגן, זענען איינגעשלאָפן.

— וואָס איז מיט באַלעקן, וואָס קומט ער נישט ? — פרעגט מען צווישן עולם.

— אַז ער זוימט זיך, דערליידיקט ער מסתמא וואָס מען דאַרף — זאָגט איינער — נישטאָ וואָס צו באַאומרויקן זיך.

עס איז אָנגעלאָפן אַ הויכער יונגערמאַן אין אַ „קאָנפעדע־ראַטקע־היטל", אין אַן אָפּגעריסענעם לעדערנעם מאַנטל.

— באַלעק, באַלעק ! — האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן.

— נישטאָ קיין פאַרבינדונג מיטן יודנראַט — האָט באַלעק געבראַכט די טרויעריקע בשורה.

שטילע, ווייטיקלעכע קרעכצן.

דער גראָער הימל האָט געטונקלט. די וואַרשטאַטן און די ביידלעך אויפן פּלאַץ ווערן פאַרזונקען אין פינצטערניש. עס לויכט אויף אַ פייערל אין די פענצטערלעך פון קליינעם באַראַק און פאַר־לעשט זיך באַלד. פּלוצלונג — אַ פייפערײַ, אַ געבילעריי פון הינט. עס פאַלט אַ שאָס, אַ קנאַל. מען שרייט : לאָס ! לאָס ! די געשרייען ווערן דראָענדיקער : „לאָס ! לאָס !" אַ געלויף, אַ פלאָנטער פון

גופים. יורי קאָן שוין נישט אַרויס פון דעם געווירבל. מען שיסט, מען יאָגט:

— לאָס! לאָס!

רייטער אויף פערד זענען אָנגעלאָפן, זיי שלאָגן מיט בייטשן. די מאַסע שטופּט זיך. איינער פאַלט, אַ צווייטער שפּרינגט אריבער איבער דעם געפאַלענעם. מען איז שוין אַרויס פון ליפּאָווע 7, אויפן שאָסיי. די דייטשן ריטשען, שיסערייען הערן נישט אויף. יורי לויפט, האַלט זיך פון דער זייט, עס זאָל אים ווער נישט אומוואַרפן, מענטשן וואַרפן זיך אין ראָוו. יורי האָט זיך אַ קער געטאָן, אַ שפּרונג געטאָן אין ראָוו אַריין. אַזוי האָט ער זיך אָפּגעטיילט פון דער מחנה געיאָגטע. ער איז געבליבן אַליין, געהאַט פאַר זיך אַ פרייען וועג אַהיימצוגיין, אָבער מינוטן לאַנג האָט ער נאָך גע־הערט פון גאָר ווייט זיך טראָגן דעם אָפּהילך פון דייטשישן — „לאָס! לאָס!”.

יורי איז געקומען אין שטוב נישט־טויט, נישט־לעבעדיק. נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. ער האָט זיך געהאַלטן אָן שרהטשען, ממש אָנגעהאַנגען זיך אויף איר. עס האָט געדויערט אייניקע שעה ביז ער איז צוריק געקומען צו זיך. אַז ער האָט שוין דערציילט אַלץ וואָס ער האָט געזען אין דער אַרבעטס־שטעלע ליפּאָווע 7, האָט הערשל איבערגעגעבן יורין, אַז היינט, בעת ער איז געווען אין אַרבעטסאַמט זיך נאָכפרעגן אויף אים — היתכן מען האַלט יורין אויף אַרבעט מער ווי אַנדערע? מען נעמט צו אַרבעט נאָר אויף צוויי טעג, יורי איז שוין ביי דער אַר־בעט צוויי טעג — פאַרוואָס איז ער נאָך נישטאָ צוריק? האָט העניק אים אַ ווונק געטאָן מיטן פינגער, אַז ער, הערשל, איז „געכאַפּט” און וועט דאַרפן גיין אַרבעטן.

אינדערפרי איז אייערוויז געקומען צו לויפן:

— העניק האָט דיך געכאַפּט, הערשל; אָבער דו קאָנסט זיך אויסקויפן — איינצאָלן, וואָס עס זעט פאָר דער „פּאַראַגראַף".

— אַזוי! — איז יורי אויפגעשפּרונגען — אַ נייער פאַרטל אויסצופּרעסן געלט פון מענטשן! ניין! הערשל וועט קיין געלט נישט געבן! דער אַרבעטסאַמט ווערט אַ געשעפטל, אַזאַ אַרבעטס־אַמט טאָר נישט עקזיסטירן! און אוודאי נישט אונטער דער אויפ־זיכט פון די דודלעך.

— הערשל דאַרף קודם־כל „אָפּסמען" העניקן, — האָט אייער־וויז ווידער געזאָגט.

יורי האָט נישט געענטפערט, אים געלאָזט שטיין און אַרויס־געלאָפן פון שטוב. אייערוויז איז אים נאָכגעלאָפן.

— יורי וואָס מיינסטו צו טאָן, יורי? — האָט אייערוויז גע־פרעגט איין מאָל און נאָך אַמאָל.

יורי האָט ווידער נישט געענטפערט, בלויז מיט אַ בליק פון פאַרוווּנדערונג אויף אים אַ קוק געטאָן און געגאַנגען ווייטער. אין גאַס האָט יורי אָנגעטראָפן זיינע שכנים, פינחסן און הערש־בערן מיט די סובלאָקאַטאָרן זייערע, די אַרויסגעטריבענע פון דער צענ־טראַל־גאַס. ער האָט מיט זיי אַ שמועס געטאָן וועגן גאַנצן ענין אַרבעטסאַמט. זיי זענען טאַקע נאָר וואָס געווען דאָרטן, געבעטן אָפּלייגן זיי דאָס גיין צו דער אַרבעט אויף אַ צווייטן טערמין.

— מען דאַרף זיך העלפן! אַליין דאַרף מען זיך העלפן! — דער אַרבעטסאַמט טאָר נישט פירן יידן אַרבעטן אונטער דעם דייטשס בייטש — האָט יורי באַטאָנט יעדעס וואָרט.

— וויאַזוי? — האָבן די יידן געפרעגט.

— קומט מיט מיר אין אַרבעטסאַמט. מען דאַרף די פירער לאָזן הערן, אַז מען פּראָטעסטירט קעגן דער פירונג זייערער!

— יורי, דערבאַרעם זיך אויף זיך אַליין, יורי! שטעל נישט איין דיין לעבן, יורי! זיי קאָנען דיך אַרעסטירן! — האָט אייערוויץ זיך געבעטן ביי אים.

יורי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, ער האָט אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט ווי ער וואָלט וויזן די אַרומיקע, אַז ער וועט נישט הערן אייערוויץס וואָרענונגען און נישט זיינע עצות.

אייערוויץ האָט זיך דערשראָקן פאַר יוריס פאַרנעמען זיך צו גיין מיט אַ גרופּע מענטשן אין אַרבעטסאַמט. ער איז אַוועקגעלאָפן צו יורין אין שטוב, כדי צו דערציילן שרהטשען, וואָס יורי רעדט מיט מענטשן און אַז זיין גיין איצט אין אַרבעטסאַמט קען ברענגען אין אַ צרה די גאַנצע משפּחה יוריס.

יורי האָט אויפן וועג צום אַרבעטסאַמט געטראָפן נאָך עטלע־כע מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ גוטן ווילן צו טאָן עפּעס לטובת די יידן אין שטאָט. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרייטקייט צו גיין מיט יורין, ווו ער וויל. ער האָט זיי דערציילט וועגן ליפּאָ־ווע 7, וועגן דעם אָבערשטורמפירער דאָלף און די יידישע געפאַנ־גענע זעלנער:

ליפּאָווע 7 איז אַן אמתער גיהנום! מען דאַרף פון דאָרטן אַרויסראַטעווען וועמען עס לאָזט זיך. מען רעכנט זיך דאָרט גאָר־נישט מיטן געזונט־צושטאַנד. אַלטע, קראַנקע, ווערן געשיקט צו דער אַרבעט — עס איז די שולד פון אַרבעסאַמט.

ווען יורי און די אַנדערע יידן זענען שוין געווען נאָענט צום אַריינגיין אין ארבעטסאַמט, איז הערשל געקומען צו גיין, נאָך אים זענען געגאַנגען שרהטשע און צפּורה מיט די קינדער. שרהטשע האָט זיך געשטעלט פאַר יורין, אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— ניין; דו וועסט נישט גיין, ווו דו ווילסט איצט גיין! — איר קול האָט געציטערט.

אויך הערשל און צפורה זענען צוגעשטאַנען צו יורין און גע־בעטן ער זאָל אַהיימגיין. הערשל האָט אויך גערעדט צו פינחסן, הערש־בערן, צו די סובלאַקאַטאָרן זייערע, זיי זאָלן זיך אין זייער צעהיצטקייט און תרעומות אויף די פירער פון אַרבעטסאַמט — בעסער דאָרט זיך נישט ווייזן. די אָנפירער קאָנען אַרעסטירן מענטשן מיט באַשולדיקן אין שטערן זיי די אַרבעט.

פינחס, הערש־בער און די סובלאַקאַטאָרן זייערע, זענען אַוועק אין אַ זייט, ווי זיי וואָלטן געווען זייטיקע פאַרבייגייער. אויך די אַנדערע האָבן זיך אָפּגעקערט פון יורין. זיי זענען אַוועק מיט שנע־לע טריט, ווי זיי וואָלטן געהאַט זיך אַרויסגעדרייט פון עפּעס אַ סכנהדיקער צרה.

יורי איז נאָך געשטאַנען אַ רגע, ווי מבולבל געקוקט אויף הערשלען, אויף שרהטשען און מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אָן אַ וואָרט צו זאָגן גענומען גיין. ער איז געגאַנגען שנעל, ווי ער וואָלט זיך געאײַלט צו קומען צו אַ באַשטימטן פּלאַץ וווּ מען דערוואַרט אים און ער וויל נישט פאַרשפּעטיקן דאָס טרעפן זיך. ער איז אַוועק אַהיים.

*

יורי איז געקומען אַהיים פריער פאַר שרהטשען, הערשלען און צפורהען מיט די קינדער. ער איז געווען כולו אויפגערעגט, דער־שעפּט און האָט זיך צוגעלייגט אויף דער סאָפקע. אין מוח האָבן זיך געאַמפּערט מחשבות, זיך צעטענהט מיט הערשלען: פאַרוואָס שטערט מען אים צו טאָן וואָס ער וויל, וואָס ער זעט איין פאַר

גוט און וואָס קאָן ברענגען גוטס פאַר דעם גאַנצן ציבור יידן — מען דאַרף, מען דאַרף. מען מוז ווייזן דעם ד"ר אלט און זיינע באַהעלפערס, אַז יידן אין שטאָט זענען קעגן דער פירונג זיינער — האָט ער גערעדט צו זיך — מען וועט שווייגן, לאָזן די פירער פון אַרבעטסאַמט טאָן וואָס זיי גלוסט, איז ווער ווייסט צו וואָס פאַר אַ שלעכטס עס קאָן דערגיין. דער ייד אין שטאָט, וואָס האָט נישט קיין פאַרטיידיקער ביי די דודלס אין אַרבעטסאַמט, וועט תמיד זיין דער שעיר לעזאזל. מען דאַרף זיי זאָלן וויסן, אַז יידן אין שטאָט גיבן זיך אָפּ אַ חשבון וועגן זייער אַרבעט, אַז זיי טוען גאָרנישט צו העלפן דעם ייד, נאָר אַלץ, וואָס זיי טוען איז גאָר אַרויסצוהעלפן דעם דייטש — איך בין אָבער איינער — וואָס קאָן איינער אויפטאָן? — ער האָט שווער אָפּגעעטעמט און וויטיקלעך זיך אַ דריי געטאָן אויף דער סאָפּקע. — אייערוויז, אייערוויז! — האָט ער עטלעכע מאָל דערמאָנט דעם נאָמען. די שולד, וואָס אים איז נישט געלונגען אַ געשריי צו טאָן אויף די פירער פון אַרבעטסאַמט, האָט ער געלייגט אויף אייערווייזן. ער האָט געוווסט, אַז אייערווייז האָט געשיקט שרהטשען זי זאָל נישט לאָזן אים גיין אין אַרבעטסאַמט. אייערווייז, וואָס איז געווען אַ גוטער פריינט יורין, איז איצט פאַרגעקומען ביי אים, ווי אַ שטן, וואָס שטרויכלט אים זיינע טריט, שטייט אים אין וועג.

נאָך עטלעכע טעג, אַז אייערווייז איז ווידער געקומען צו יורין, אים געבראַכט ידיעות, וואָס עס טוט זיך אין אַרבעטסאַמט, אַז זיי פאַרברייטערן זייער טעטיקייט, נעמען צו נאָך באַאַמטע, מען שאַפט אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, איז יורי אַרויס צו אים מיט טענות:

— פסח! פון איין זייט קומסטו מיר דערציילן נייעס וועגן דעם אַרבעטסאַמט, ווי מען וואָלט געדאַרפט שוין טאָן עפּעס קעגן

דער עקזיסטענץ זיינער, און ווען איך וויל וואָס טאָן, קומסטו מיר שטערן.

אויף דעם פאַרוואורף האָט אייערוויז געענטפערט, ווי ער וואָלט אויפגעדעקט אַ פאַרשטעלטע קאָרטן־שפּיל, זיך נישט גע־רעכנט, וואָס עס וועט יורין ווײ טאָן:

— דו, יורי, זעסט נאָר איין זייט פון דער מטבע. איך זע די מטבע פון ביידע זייטן. דו מיינסט, אַז די באַקאַנטע דיינע, וואָס דו געטרויסט זיך אין זיי, וואָלטן גרייט זיין זיך איינצושטעלן פאַר דיר. זאָג איך דיר, אַז ניין, אַז דו ביסט איינער און דו האָסט נישט אויף וועמען זיך צו שטיצן. רעד דיר נישט איין, אַז ווען דו ביסט, חלילה, אין אַן עת צרה, וואָלטן די מענטשן, מיט וועמען דו ווילסט זיך מאַכן פאַר אַ העלד, דיר טאַקע געהאָלפן. זיי וואָלטן זיך באַ־האַלטן פאַר דיר, פאַר די פּאָלגן, וואָלטן אַנטלאָפן ווי דער פעפער וואַקסט. אָט וואָס איך ווייס!

יורי האָט ביטערלעך פאַרביסן די ליפּן און אָפּגעהאַקט דעם שמועס.

*

דער ארבעטסאַמט האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַרבעטס־קאַרטן און פּינקטלעך געשיקט דעם קאָנטינגענט יידן צו דער אַרבעט. יידן האָבן אָפּטער זיך געוויזן אויף דער גאַס. הערשל האָט געזאָגט, אַז עס איז שוין נישטאָ קיין מורא פאַר גאַסן־כאַפּערייען. די שטימונג האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אין עטלעכע טעג אַרום זענען גרויסע לאַסט־אויטאָס מיט עס־עס־לייט פאַרפאָרן אין דער יידישער

געגנט און אָנגעהויבן כאַפּן יידן פון דער גאַס; אויך הערשל איז אַריינגעפאַלן.

זאַלץ האָט לעצטנס זיך זעלטן געוויזן ביי יורין אין שטוב. ער האָט שוין געהאַט אַ שטעלע אין יודנראַט. יורי איז אַוועק צו אים, זיך דערוויסן וואָהין די געכאַפּטע יידן זענען געשיקט געוואָרן. זאַלץ האָט אים פאַרזיכערט, אַז די מענטשן זענען אַלע אין אַן אַר־בעטסלאַגער. ער האָט אים אַריינגעפירט צום פּרעזעס ד״ר אלט, וואָס יורי האָט אים פּערזענלעך געקענט. זאַלץ האָט נישט געוואָלט שטערן און זיך אַרויסגערוקט פון פּרעזידיום־צימער. ער האָט יורין אָפּגעוואַרט אין דרויסן.

דער פּרעזעס, ד״ר אלט, איז געזעסן ביים שרייבטיש, אויף אַ וייכן, באַקוועמען פאָטעל און האָט געמישט ווייסע און פאַרביקע פּאַפּירן. זיין לענגלעך פּנים מיט די צוויי שאַרף איינגעשניטענע מויל־ווינקלען האָבן אויסגעדרוקט האַרטקייט און עקשנות. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף יורין און מיט אַ ווונק אים געבעטן זעצן זיך. בעת יורי האָט גערעדט, האָט ער געהאַלטן די הענט פאַר־לייגט אויף דער ברוסט און געקוקט אויף אים מיט אַ דורכדרינג־לעכן בליק.

— מיין שוואָגער, הערשל, איז בעת די לעצטע כאַפּערייען אַריינגעפאַלן. קען איך וויסן, ווו ער געפונט זיך? — האָט יורי געפרעגט.

— די מענטשן זענען אין בעלזשעץ־לאַגער — האָט ד״ר אַלט געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ מין אַרבעט איז דאָרט?

— ווי אין אַ לאַגער.

— ליפּאָווע 7 איז אויך אַ לאַגער, ווייסט איר ווי מען פּיי־ניקט דאָרט יידן?

— נייך, איך ווייס נישט.

— זאָג איך אייך, כדי איר זאָלט עס וויסן.

— מיר וועלן זען, אַז די מענטשן פון בעלזשעץ זאָלן צוריק־קומען.

— איך וויל גלויבן, אַז איר וועט עס טאָן, און טאַקע גיך.

— מיר מוזן צוריקברענגען אונדזערע מענטשן, אַנדערש וועלן מיר נישט געבן דעם טעגלעכן קאָנטיגענט — האָט ד״ר אַלט דערקלערט. ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ רויקייט, ווי ער וואָלט באמת דערפילט אַ הייליקע פליכט.

— מיינט איר, אַז די דייטשן וועלן איינגיין אויף דעם. איר פירט דאָך אויס דאָס, וואָס די דייטשן ווילן.

— מיר טוען וואָס מיר קאָנען!

— נישט אַלע מאָל. דער יודנראַט האָט למשל געקאָנט איבערנעמען די יידישע געפאַנגענע זעלנער פון ליפּאָווע 7, און האָט דאָס נישט געטאָן ווען די מענטשן זענען געווען דאָ אין שטאָט, וועט ער דאָס טאָן ווען די מענטשן זענען אין בעלזשעץ?

— זענט איר געקומען אונדז מוסר זאָגן, יורי?

עס זענען אַריינגעקומען צוויי מיטגלידער פון יודנראַט, ד״ר אַלט האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ צייכן געגעבן, אַז דער געשפּרעך איז געענדיקט.

יורי איז אַרויס פון פּרעזידיום־צימער. זאַלץ איז צו אים צוגעלאָפן, גענומען אים אונטערן אָרעם און מיט נייגער געפרעגט:

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט, ד״ר אַלט?

יורי האָט געשוויגן.

— זענען זיי אין אַ לאַגער? — האָט זאַלץ געפרעגט.

— יאָ, אין בעלזשעץ־לאַגער. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ לאַגער דאָס איז?

— וואָס האָט געזאָגט ד״ר אלט? — האָט זאַלץ נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט.

— ער פאַרזיכערט, אַז ער וועט צוריקברענגען די מענטשן. גלייבסטו, זאַלץ, אַז ער וועט דאָס פועלן ביי דער געשטאַפּאָ? אָן זייער דערלויבעניש וועט ער דאָך נישט האָבן קיין מוט צו טאָן עפּעס. ער פירט דאָך אויס נאָר דאָס, וואָס די געשטאַפּאָ פאַרלאַנגט. איך האָב אים דאָס געזאָגט. ער האָט זיך אויפגערעגט און נישט געוואָלט מער רעדן מיט מיר.

יורי איז אַוועק מיט אַ שווער האַרץ, גאָרנישט באַוויזן אויפצוטאָן. וואָס וועט ער זאָגן צפורהען וועגן הערשלען? מיט וואָס וועט ער זי דערמוטיקן?

*

אַז יורי איז אַריין אין שטוב, האָט שרהטשע אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך נישט וויזן פאַר צפורהען. זי פילט זיך שלעכט, איז אין דער צווייטער שטוב. יורי איז שטיל אַריינגעגאַנגען אין עסצימער, און ווי תמיד בעת ער איז דענערווירט האָט ער אָנגעהויבן צו שפּאַנען פון ווינקל צו ווינקל. צעוווּנדיקטע מחשבות האָבן זיך אים געפלאָנטערט אין מוח. ער איז אומפעיק געווען צו קאָנצענטרירן זיך אויף עפּעס.

ביינאַכט האָט געשאָטן אַ שניי. אַלץ אַרום איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ וויסן איבערצוג. אינדערפרי האָט אַ גאָלדן זונליכט זיך צעגאָסן און געבלענדט מיט ווייסקייט. קראָען זענען געשפּרונגען

איבערן שניי און האָבן אָפּגעצייכנט אויף אים היראָגליפן. שוואַלבן מיט שטרויעלעך אין די שנאָבלען זענען געפלויגן צו די דאַך־רינעס, פאַרלייגט נעסטן און מיט צוויטשעריי ווידער אָפּגעפלויגן. אויף לעוואַרטאָווער גאַס איז שוין באַגינען געווען אַ באַוועגונג. ווייבער זענען געגאַנגען איינקויפן זיך שפּייז. פויערישע פורלעך זענען אָנגעפאָרן מיט האָלץ צום פאַרקויפן. מענטשן זענען אַרויסגע־לאָפן צו די פורלעך, געכאַפּט בינטלעך האָלץ איינצוהייצן די אויוונס. אַ קצב האָט אויף אַ שליטן געפירט אַ קעלבל. סוחרים האָבן געעפנט זייערע געוועלבער, און מיט לאָפּעטעס אָוועקגעשאַרט דעם שניי פון טראָטואַר, וואָס האָט געפירט צו זייער געוועלב.

שרהטשע האָט נישט געקאָנט לאָזן צפורהען אַליין און איז נישט געגאַנגען עפענען די קראָם. זי האָט אָנגעטאָן אסתרלען און פראַדעלען ווינטער־מאַנטעלעך און זיי אַראָפּגעשיקט אין הויף זיך שפּילן מיט די קינדער פון די שכנים. צוויי קינדער, אברהמלע און שלמהלע, אין געשטריקטע סוועטערלעך, אין וואָל־הענטשקעלעך, אין וועלאָסיפּעד־היטלען מיט ברייטע דאַשעקעס, זענען אַלעמאָל די ערשטע, וואָס קומען אַראָפּ זיך שפּילן אויפן הויף. זיי זענען חברים זינט די עלטערן זייערע האָבן געמוזט פאַרלאָזן די דירות אין דער צענטראַלער־גאַס און וווינען איצט ביי פּינחס, דעם זייגערמאַכער אין שטוב. די צוויי קינדער האָבן זיך צוגעוווינט איינער צום אַנ־דערן, שלמהעלע גייט נישט שלאָפן ביז אברהמעלע ליגט נישט אין בעט.

אסתרל, יוריס טעכטערל, איז געווען מיט אַ גאַנץ יאָר עלטער פון פראַדעלען און האָט געדאַרפן אַכטונג געבן אויף איר. זיי האָבן מיטגענומען דאָס ליאַלקע־וועגעלע. אסתרל האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן די הענטלעך פון דעם וועגעלע, האָט זיך שלמהלע צוגע־רירט צום וועגעלע, האָט זי פאַרקרימט די ליפּעלעך — אָט־אָט

ברעכט זי אויס אין געוויין. שפּעטער זענען די קינדער געוואָרן היימיש און אַלע האָבן זיך געשפּילט מיט אסתרלס וועגעלע. שלמהלע האָט פֿאַרגעלייגט זיך שפּילן אין אַנטלויפֿן פֿאַר די דייטשן. אסתרל וועט זיין די מאַמע, פֿראַדעלע איר קינד, ער דער טאַטע און אברהמעלע אַ ייד פֿון גאַס. ער הייסט אסתרלען, דער מאַמען, נעמען פֿראַדעלען ביים הענטל, לייגט אַרויף אויפֿן וועגעלע פּאַפּירן, שטעלט אַרויף אַ שעכטל — „דאָס זענען פּעקלעך און קיד־כלים — זאָגט ער. אסתרלען מיט פֿראַדעלען הייסט ער נאָכגיין נאָכן וועגעלע. אברהמעלען שטעלט ער אַוועק אין אַ ווינקל — אַז איך וועל דיר געבן אַ ווונק — זאָגט ער צו אברהמעלען — זאָלסטו אָנהייבן לויפֿן. ער פֿירט דאָס וועגעלע. אסתרל מיט פֿראַ־דעלען גייען אים נאָך — דאָס אַנטלויפֿן מיר פֿון אונדזער היים — פֿאַרטייטשט ער — די דייטשן האָבן אונדז געהייסן ארויסציען זיך פֿון דער גאַס — ער פֿירט דאָס וועגעלע, שטעלט זיך אָפּ אַלע ווײַלע אָפּרוען אַביסל. ער מאַכט נאָך דעם טאַטן, אויך ער האָט אַזוי געטאָן בעתן אַריבערציען זיך פֿון דער צענטראַלער־גאַס. ער גיט אַ ווונק צו אברהמעלען. אברהמעלע הייבט אָן לויפֿן — מען יאָגט יידן! — שרייט ער הויך. ער לויפֿט מיט, ווישט דעם שווייס פֿון פּנים, סאָפּעט.

נאָך דער שפּיל נעמט ער ווידער צונויף אַלע דריי — איצט שפּילן זיי אין „לאַפּאַנקעס”. שלמהלע באַהאַלט זיך אין הויף און ווי נאָר ער וועט זיך באַווייזן, דאַרפֿן אַלע אָנהייבן לויפֿן און ער וועט אַנטלויפֿן און כאַפּן זיי. ער באַהאַלט זיך אין הויז און שפּרונגט אַרויס מיט געשריי — „יודע! יודע!” אברהמעלע און אסתרל אַנט־לויפֿן. שלמהלע יאָגט זיי נאָך. ער כאַפּט אברהמעלען, יאָגט זיך נאָך אסתרלען. אין געלויף רוקט זיך אים אַראָפּ דאָס היטל איבער די אויגן, רייסט ער דאָס היטל, רעגט זיך אויף און שרייט:

— יודע! יודע!

אסתרל האָט דערציילט אין שטוב ווי זיי האָבן זיך געשפּילט. יורי האָט שוין נישט איינמאָל געזען ווי קינדער שפּילן זיך אין „לאַפּאַנקע״ — די קינדער וואַקסן אָן אַ שולע, אָן דערציונג. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים נישט געלאָזט רוען — דער יודנראַט עפנט נישט קיין שולע, זאָרגט נישט פאַר אַזאַ וויכטיקער זאַך, זאָלן זיך עפענען שולן וועט ער זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעבן די קינ־דער. ער האָט באַשלאָסן צו רעדן מיט אייניקע לערערס. ווער אויב נישט זיי דאַרפן זאָרגן וועגן יונגן דור? ער האָט פאַרבעטן צו זיך זאַלצן, געוואָלט ביי אים אַ טאָפּ טאָן דעם דופק, צי דער יודנראַט האָט אַ פּלאַן צו עפענען שולן? ער האָט געשיקט שרהטשען צו נאָך עטלעכע באַקאַנטע לערערס בעטן זיי קומען צו אים וועגן דעם ענין. אייערוויץ איז אַריינגעקומען.

— דער אַרבעטסאַמט גייט שאַפן אַן אָרדענונגסדינסט, אַ מי־ליץ אַזאַ! — האָט ער געבראַכט די לעצטע נייעס.

— מיליץ? צוליב וואָס? — האָט יורי געפרעגט.

— האַלטן אָרדענונג!

— אויב דער שונא לאָזט אונדז אָרגאַניזירן אַ כוח, האָט ער דערביי אַ בייזע כוונה דערמיט.

— איך זע נישט אין פאַרוואָס עס מוז אַזוי זיין.

אויב שוין יאָ אַן אייגענע אָרדענונגסדינסט, מיליץ, מוז מען קלייבן די מענטשן, מען זאָל קאָנען זיך געטרויען אין זייער אויפ־פירונג, אַז זיי וועלן נישט מיסברויכן מיט דער פולמאַכט זייערער. צי איז דער יודנראַט אומשטאַנד דאָס צו טאָן?

יורי האָט געפרעגט ביי אייערוויץ ווער זענען די מענטשן, וואָס דער יודנראַט אַנגאַזשירט אין דער מיליץ און דערהערנדיק די נעמען, האָט ער אַן אויפגערעגטער און אויפגעטרייסלטער

אַ געשריי געטאָן: — ווער, אַט די הפקר יונגען? זיי אָנגעטרויען אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבע!

— ווֹעמען דען זאָלן זיי אַנגאַזשירן אין מיליץ, ישיבֿה־בחורים אפֿשר? פֿאַר זיי, די יונגען, איז פּאָליציי־דינסט ווי צוגעמאָסטן. זיי זענען דאָך אויך יידן, וועלן זיי אונדז קיין שלעכטס נישט טאָן — פֿאַרוואָס זאָלן זיי אונדז שלעכטס טאָן?

גאַנץ אומגעריכט איז אַריינגעקומען זאַליק. נאָך אין פֿאָדער־הויז האָט ער זיך צוגעהערט צום שמועס און גלייך זיך אַריינגע־מישט אין געשפּרעך:

— עס איז נישט קיין קרומע זאַך צו האָבן אַן אייגענע מי־ליץ. מען דאַרף זיך אַליין נעמען אין די הענט און אַביסל כאָטש רעגולירן אונדזער לעבן. אין די איצטיקע שווערע באַדינגונגען זאָל די מיליץ זאָרגן פֿאַר אָרדענונג, זאָל זי אַכטונג געבן אויף ריינקייט. מען באָדט זיך דאָך אין שמוץ. אַ געפֿאַר פֿון עפּידעמיעס. דאַרפֿסטו, אַז דער דייטש זאָל ביי אונדז באַלעבאַטעווען —אַן אייגענער איז דאָך תמיד ליבער. אַז אַזאַ מיליציאָנער וועט אפֿילו באַשטראָפֿן, וועט ער עס אויך טאָן מילדער ווי אַ פֿרעמדער.

יורי האָט נישט נאָכגעגעבן:

— איך זע די צווייטע זייט פֿון דער מטבע. די דייטשן האָבן נישט אין זינען אונדז צו העלפֿן. זיי מיינען אויסצונוצן דעם יידישן מיליצמאַן קעגן אונדז יידן. יענע קענען נישט מיך, דיך און אַנדערע יידן, דער מיליצמאַן אָבער ער קען אונדז אַלעמען. ער וועט טאָן וואָס מען וועט אים הייסן. ער וועט וויסן צו וועמען צו גיין און וואָס ביי יעדן איינעם צו נעמען. ער וועט קודם־כל וועלן זיין גערעכט לגבי זיין העכערער מאַכט. שטעלסט זיך פֿאָר, זאַליק, וואָס דאָ וועט זיך טאָן, אַז זיי וועלן האָבן די מאַכט אין זייערע הענט. — יורי האָט

פאַרענדיקט דעם שמועס און איז איבערגעגאַנגען צום ענין שולן — זאָג מיר, זאַלץ, דו ביסט דאָך נאָענט צו די פּראַקטאַקאַלן פון די זיצונגען אין יודנראַט, האַלט מען ביי עפענען אַ שול פאַר אונדזערע קינדער?

זאַלץ האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן:

— אַזוי פיל צרות און גזירות, און דאָ נאָ דיר גאָר אַ שולע

— האָט מען זיך שוין געוואָנדן וועגן דעם צום יודנראַט און עס איז געקומען אַן אָפּזאָג?

יורי איז אַוועק פון טיש. ער האָט עטלעכע רגעס געשפּרייזט הין און צוריק איבערן צימער. אין געדאַנק זיך צוגעקליבן אַ דעלעגאַציע פון לערערס; חוץ מרדכי און יעקבן, וואָס זאָלן גיין צום יודנראַט וועגן עפענען תיכף אַ שולע, אַ קינדער־גאָרטן. ער איז ווידער צו צום טיש און געזאָגט צו זאַלצן:

— כ׳מיין, אַז עס דאַרף גיין אַ דעלעגאַציע!

— נו, יורי! דו ביסט דאָך באַהאַוונט אין די ענינים! אַ דעלעגאַציע פון לערערס וואָלט די יודנראַטלערס באַוויגן צו טאָן עפּעס, און טאַקע באַלד.

שרהטשע איז אַריינגעקומען. זי איז נישט נאָר געווען ביי מרדכין און יעקבן, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו קומען, נאָר אויך באַזוכט די לערערקע עלקע. זי איז טאַקע באַלד מיטגעגאַנגען מיט שרהטשען.

עלקע איז געווען אַ לערערקע אין אַ פאָלקסשול. יוריס אַ נאָענטע פריינדין, אַ מיטלוווקסיקע מיט גרויסע בלאָע אויגן, מיט אַ גלאַטער פריזור, וואָס האָט אָפּגעדעקט איר ברייטן שטערן. אָנגעטאָן שטענדיק זייער באַשיידן, אָבער מיט געשמאַק. קורץ פאַרן אויסברוך פון קריג האָט זי חתונה געהאַט. דער מאַן איז אין די

ערשטע טעג פֿון דער מלחמה אַוועק אין די דורך די סאָוויעטן פֿאַרנומענע געביטן. זי איז געקומען איצט צו יורין, ווייל זי האָט געהערט פֿון שרהטשען, אַז עס וועט זיין אַ באַראַטונג פֿון לערערס. און יורי איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין — מיר מוזן זיין קורץ און זאַכלעך. עס איז נישטאָ קיין סך צייט. מען וועט באַלד נישט טאָרן גיין אויף דער גאַס — האָט ער געזאָגט — און אין קורצע שטריכן פֿאַרגעשטעלט זיין פּלאַן. מרדכי און יעקב האָבן אינפֿאָרמירט יורין, אַז זיי האָבן קאָמפּלעטן שילער, מיט וועלכע זיי לערנען. יורי האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס איז נישט קיין אויסוועג. עס גענישט נאָר אַ קליי־נע צאָל קינדער. עס דאַרף געעפֿנט ווערן אַ פֿאָלקסשול. קינדער וואַלגערן זיך אויף די הייף. דער יודנראַט טוט דאָס נישט, דאַרף די לערערשאַפֿט אויפֿפֿאָדערן דעם יודנראַט דאָס תיכף צו טאָן.

— עס איז דאָך שוין געווען נישט איין שול און איז פֿאַרמאַכט געוואָרן! — האָט מרדכי אָפּאָנירט.

— די פֿאַרמאַכטע שולן זענען געווען פּריוואַטע, ווי מיר וויסן. דער יודנראַט, וואָס האַלט זיך פֿאַר אונדזער פֿאַרזאָרגער דאַרף עפֿענען אַ שולע. די לערערשאַפֿט דאַרף עס פֿאָדערן.

עלקע האָט געשטיצט יוריס פּלאַן. אויך מרדכי און יעקב האָבן צוגעשטימט, אַז עס זאָל גיין אַ דעלעגאַציע צום יודנראַט.

נאָך דעם ווי די לערערס און עלקע זענען אַוועק איז אין שטוב גאָר שטיל געוואָרן. עס האָט זיך אַזש געהערט דער דינער אָטעם־צי פֿון די שלאָפֿנדיקע קינדער אין דער צווייטער שטוב. מיט אַמאָל האָבן זיך דערהערט טריט אויף די טרעפּ. שווערע אומהיימלעכע טריט, וואָס האָבן געוועקט אומרו און שרעק. שרהטשע האָט נישט געלאָזט יורין גיין אַ קוק טאָן ווער עס גייט. זי האָט מיט ווונק געבעטן אים ער זאָל זיך באַהאַלטן, ווייל טאָמער קומט ווער עפּעס אויף קאָנטראָל, צי עס זענען דאָ מענער, צי נישט, זאָל מען אים

נישט זען. יורי האָט זיך אַראָפּגעזעצט ביי דער סאָפּקע. שרהטשע האָט געוואָלט ער זאָל נאָך פאַרציען איבער זיך דעם צודעק. עס איז שוין אָבער נישט געווען קיין צייט צו רעדן און אים איבערצו־ צייגן, אַז ער דאַרף טאָן, ווי זי מיינט. די טריט זענען שוין גאָר נאָענט געווען, אָט זענען זיי שוין ביי זייער טיר, איז שרהטשע אַריין אין קאָרידאָר און געעפנט די טיר.

— אוי הערשל! — האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן אַ געשריי.

י

הערשלס אויסזען — אַ פּחד צו קוקן. די קליידער אויף אים צעריסן און צעשליסן. דאָס פּנים געלער פון וואַקס. די אויגנלעפּ־ לעך רויט און אָנגעשוואָלן. דאָס מויל האלב אָפן, ווי אים וואָלט פאַרפעלט אָטעם. ער האָט נישט גערעדט, נאָר עפּעס געמורמלט. אַרויסגערעדט איינציקע ווערטער, פון וועלכע מען האָט זיך גע־ קאָנט אָנשטויסן, אַז ער איז אַנטלאָפן פון לאַגער.

אַ מאָדנע שלאָפקרענק איז אים באַפאַלן. ער איז געלעגן פאַר־ זונקען אין אַ טיפן שלאָף און שווער געאָטעמט. דאָס אָטעמען זיינס איז געווען דער איינציקער צייכן, אַז ער לעבט. עטלעכע טעג איז צפורה אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצערטע און דערשלאָגענע.

— ווינד און ווי איז מיר, וואָס זיי האָבן פון אים געמאַכט... — האָט זי שפּאַנענדיק איבערן צימער גערעדט צו זיך אין טיפער פאַרצווייפלונג.

יורי האָט זי געמוטיקט:

— זעסט דאָך, הערשל קומט צו זיך. ער איז אָפּגעשוואַכט און מוּה זיך אויסרוען. זעסט, דאָס פּנים האָט שוין גאָר אַן אַנדערע קאָליר.

הערשל איז ערנסט קראַנק געווען. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס מוז נאָך דויערן ביז ער וועט צוריקקומען צו די כּוחות.

שרהטשע האָט זיך באַמיט צפּורהען אָוועקנעמען פון דעם קראַנקן כאָטש אויף עטלעכע שעה. זי איז געווען זיכער, אַז ווען צפּורה וועט אַוועק פון אים אויף אַ שעה־צוויי, און דערנאָך אים אָנקוקן מיט אַ פרישן בליק, וועט זי מערקן אַ בעסערונג. זי האָט דעריבער געפּועלט ביי צפּורהען זי זאָל אַראָפּגיין מיט די קינדער אַביסל שפּאַצירן. ווען זי איז געקומען פון גאַס, איז זי צוגעגאַנגען צו הערשלען, אויסגערופן מיט פרייד:

— פילסט זיך בעסער, הערשל. איאָ? זעסט אויס פריילעכער, מוטיקער.

די לעצטע טעג האָט זיך טאַקע דער קראַנקער געפילט אַ סך בעסער, ער איז אפילו אַראָפּ פון בעט, געזעצט זיך צו מיטאָג ביים טיש און דערציילט באריכות וועגן דער אַרבעט אין לאַגער. ער האָט איבערגעגעבן פּרטים ווי אַזוי מענטשן ווערן געיאָגט צו דער אַרבעט, שווערע אַרבעט, אַרבעט פון גראָבן גריבער, ראָוועס, און ווי גרויליק מען באַהאַנדלט זיי ביי דער אַרבעט. איין מאָל — דערציילט ער, אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם — איז מיר נישט גוט געוואָרן. איך בין געבליבן ליגן אויפן פעלד. געווען שטאָק־פינצטער. האָב איך זיך גענומען שאַרן צו די דראָטן, שטעכל־דראָטן, אַרויס־געריסן אַן אַרבל פון רעקל, אָנגעפילט אים מיט ערד און אונטערגע־שטעלט אונטערן אויפגעהויבענעם דראָט, ס'האָט זיך געהאַלטן, האָב איך אַרויסגעריסן דעם צווייטן אַרבל, אָנגעפילט אים מיט ערד און אונטערגעשטעלט אין אַ צווייטן אָרט. אַליין בין איך געלעגן אויס־

געצויגן ווי אַ וואָרעם, און געפּויזעט פּאָרויס. ביז איך האָב מיך אַריינגעשאַרט אין אַ וואַלד איז שוין געווען פאַרטאָג. אַ גאַנצן טאָג בין איך אָפּגעלעגן הינטער אַ בוים, צוגעדעקט מיט צווייגן. אין אָוונט האָב איך זיך געלאָזן אין וועג, קוים דערשלעפּט זיך צו אַ דאָרף. די גאַנצע צייט האָב איך נישט געהאַט אין מויל. דער הונגער האָט שטאַרק דערקוטשעט. פּלוצעם דערזע איך אַ פּויערטע גיט עסן די חזירים, אַז זי איז אַוועק האָב איך זיך פאַרגנבעט; אַרויס־געכאַפּט פון דער קאָריטע צוויי ריבלעך און זיך אונטערגעלעגנט דאָס האַרץ. דאָס גיין איז מיר שוין געווען אַביסל גרינגער. כדי נישט צו פאַרלירן דעם וועג האָב איך זיך געהאַלטן נאָענט צום שאָסיי. אָט אַזוי בין איך געקומען.

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן. די ליפּן האָבן אָנגעהויבן ציטערן. ס'מויל האָט זיך פאַרקרומט און ער איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ער האָט זיך באַהערשט:

— איך וויין פאַר פריידּ — האָט ער ווי פאַרענטפערט זיך, זיך אָפּגעווישט די טרערן און אויף זיין איינגעפאַלענעם, בלייכן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל — נאַדיר גאָר, צעווייַנט זיך ווי אַ יידענע ביי תחינות. נו, ווי איז עפּעס דאָ מיטן מיסחר?

צפּורה האָט מורא געהאַט, אַז הערשל האָט זיך צו פרי אויפ־געהויבן פון בעט. עס איז אים שוין טאָקע בעסער, אָבער ער דאַרף נאָך עטלעכע טעג רוען. מען דאַרף אים נאָך צוזען, ער זאָל קומען צו די כוחות, אגב דאַרף ער זיך נישט ווייזן אין גאַס, מחמת דער אַרבעטסאַמט האָט דאָך די טעג אויפגעפאָדערט ער זאָל קומען צו אַרבעט.

דעם טאָג איז פון יודנראַט אָנגעקומען אַ בריוול צו יורין. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז אין שייכות מיטן שול־ענין. עס איז אָבער

געווען אַן אויפפאָדערונג צו קומען אין יודנראַט. אין שטוב איז דערווייל געוואָרן אַ בהלה — אפשר איז דאָס וועגן הערשלען, — האָט צפורה זיך דענערווירט — און אפשר מיינט מען יורין אַליין, — האָט שרהטשע געטראַכט אויפן קול. הערשל האָט געזאָגט יורין, אַז ער וועט מיטגיין מיט אים, ער וועט זיי דערציילן וווהין מען שיקט יידן פאַרפייניקט צו ווערן. זאָל דאָס וויסן די גאַנצע שטאָט.

געקומען זאַלץ און האָט זיי אַלעמען אַרויסגעפירט פון טעות:

— דער יודנראַט רופט צונויף אַלע קאָלאָניאַל־סוחרים, און פליישערס, צווישן זיי אויך יורין.

— וואָס וויל מען פון זיי? — האָט הערשל געפרעגט.

— דאָס ווייס איך נישט.

יורי איז פאַרן גיין אין יודנראַט אַוועק צו מרדכין. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז עס איז שוין געווען אין יודנראַט אַ דעלעגאַציע פון לערערס.

— די לערערס האָבן זיך פאַרעגיסטרירט — האָט מרדכי דערציילט.

— מיר וועלן אויך גיין מיט אַ דעלעגאַציע! — האָט יורי געזאָגט.

— צוויי דעלעגאַציעס, נאָך וואָס?

— ווייל אין צווייען איז שטאַרקער — האָט יורי קורץ אָפּגע־ענטפערט, — אויב דו ווילסט נישט, וועט יעקב מיטגיין.

יורי איז אַוועק אין יודנראַט.

אין ברייטן וואַרטצימער פון יודנראַט זענען שוין פאַרזאַמלט געווען די קאָלאָניאַל־סוחרים און די פליישערס. אַז זיי האָבן דערזען יורין, האָבן עטלעכע מיטאַמאָל אויסגערופן:

— אייך אויך?

— יאָ, מיך אויך. אפשר ווייסט איר וואָס וויל מען פון אונדז?

— אַז מען רופט נאָר סוחרים, האָט עס מסתמא אַ שייכות צו די געוועלבער, — האָט משה קויפמאַן געפּרוווט טרעפן.

— אַזוי ווילט איר מסתמא. מען דאַרף זיך נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם. זיי זענען נישט נאָמינירט געוואָרן כדי אונדז צו דינען, — האָט יורי געזאָגט, — ווייזט מיר וואָס האָבן זיי ביז איצט געטאָן פאַר אונדז?

— מען שמועסט, אַז זיי ברענגען צוריק פון בעלזשעץ די געכאַפּטע יידן, — האָט וועלוול גליק זיך אָנגערופן.

יורי האָט זיי דערציילט וועגן בעלזשעץ, וועגן די גרוילן און שרעק, וואָס הערשל האָט דאָרט איבערגעלעבט.

— ביז זיי וועלן זיך אויסקלויבן צוריקברענגען די יידן, וועט שוין נישט זיין וועמען צו ברענגען.

ס'איז פאַרבייגעגאַנגען דער פּרעזעס, ד״ר אלט. ער איז אַריין אין פּרעזידיום־צימער. נאָך עטלעכע מינוטן איז ער אַרויס פון צימער און שטיין־געבליבן אין דער טיר.

— פלייטשערס! האָט ער אויסגערופן.

זעקס יידן אין קורטקעס, גראָבע וואַטענע טיזליקעס, אונטער־געגאַרטלט מיט ברייטע פּאַסקעס, האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון די בענק און זענען צוגעגאַנגען צו דער טיר.

די קאָלאָניאַל־סוחרים האָבן געמיינט, אַז דער פּרעזעס וויל באַזונדער רעדן מיט די פלייטשערס, האָבן זיי זיך נישט גערירט פון די ערטער. ערשט ווען דער פּרעזעס האָט געמאָלדן, אַז ער מיינט אויך זיי, זענען זיי צוגעגאנגען און זיך אויסגעשטעלט אין אַ באַזונ־דערער גרופּע מיט יורין בראש. דער פּרעזעס האָט געוואַרט ביז עס איז שטיל געוואָרן, האָט געוואָרפן אַ בליק אויף רעכטס, אויף

לינקס און געמאָלדן, אַז די געשטאַפּאָ פֿאָדערט פֿון יודנראַט אַ גרעסערן טראַנספּאָרט עופות און אַ היפּשן קוואַנטום קאַווע. דאָס דאַרף צוגעשטעלט ווערן וואָס גיכער, אַנדערש דראָט אַ סכנה, מען זאָל אַרויסשיקן אַ נייעם טראַנספּאָרט יידן קיין בעלזשעץ — איך וויל נישט דערלאָזן דערצו, אַז מען זאָל זיך דאַרפֿן באַנוצן מיט דער אָרדענונגסדינסט — דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב אייך צו זאָגן.

אין יורין האָט דאָס בלוט אויפגעקאָכט:

— ד"ר אַלט! — האָט ער זיך באַמיט צו רעדן רויק, אָבער נישט געקאָנט זיך באַהערשן — איר ווילט פֿון אונדז דאָס לעצטע צונעמען, פֿאַר דער געשטאַפּאָ. און וואָס וועט זיין מיט אונדז? ווער וועט פֿאַר אונדז זאָרגן? וואָס מיינט איר, די זאַפּאַסן וועלן זיך קיינמאָל נישט אויסשעפּן? און וואָס וועט טאָן דער יודנראַט, אַז עס וועט שוין נישט זיין וואָס צו נעמען? פֿאַרוואָס נישט אָננעמען זיך מיט מוט און זאָגן איינמאָל: — גענוג, נישטאָ מער! ס'מוז דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף!

— דאָס איז קאָנטריבוציע, פֿון דעם קאָן מען נישט באַפֿרייען.

— און אַז עס איז נישטאָ?

— עס איז יאָ דאָ!

— דאָס ווייסט איר באַשטימט, ד"ר אַלט!

— יאָ, דער יודנראַט האָט גענויע אינפֿאָרמאַציעס.

— אָבער נישט די געשטאַפּאָ! — האָט יורי אַ געשריי געטאָן — און איר זענט גאָרנישט מחויב אָפּצוטראָגן אַלץ די דייטשן — די פֿאַרטריבענע קיין בעלזשעץ אויף קאַטאָרגע־אַרבעט האָט איר נאָך ביז איצט נישט צוריקגעברענגט. טאָג־טעגלעך קומען דאָרט אום צענדליקער יידן. זיי רופֿן הילף, און דער יודנראַט טוט גאָר־נישט. ביז איר וועט זיך אַרומזען, וועט שוין נישט זיין וועמען צו־

ריקצובערענגען. איר זאָרגט דערפאַר שטאַרק, אַז די געשטאַפּאָ זאָל באַקומען קאַווע און עופות וויפל זיי ווילן.

— איך בעט נישט שטעלן אין סכנה די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. איר נעמט אויף זיך אַ גרויסע אחריות... — ער האָט זיך לייכט פאַרנייגט, געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אויף יורין און זיך פאַרשלאָסן אין פרעזידיום־צימער.

יידן האָבן גערעדט, געשריגן, געמאַכט מיט די הענט:

— בראַוואָ, יורי, אַזוי דאַרף מען צו זיי רעדן, — האָט שמחה קויפמאַן געזאָגט.

— אויף אַזעלכע רייד האָב איך געוואַרט! — האָט וועלוול גליק אויסגעשריגן רייבנדיק זיך די הענט.

אַנדערע האָבן נישט געוואָלט איינרייסן מיט די מאַכטהאָבערס:

— כ׳וועל אָוועקגעבן דאָס לעצטע, וועט מען שוין וויסן, אַז איך האָב נישט מער און פטור, — האָט אהרעלע פלוג געזאָגט — מען דאַרף זיך נישט אַנטקעגנשטעלן.

— צו וואָס די אַלע רעדערייען! — האָט פייוול צעלניק זיך געקאָכט — אַז מען פאָדערט דאַרף מען געבן. וואָס ווילט איר — מען זאָל קומען נעמען פון אונדז מיט כוח?

יורי איז אַרויס פון יודנראַט און געטראָפן יעקבן, דעם לערער. ער האָט אים דערציילט, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט דעם פרעזעס. איצט איז אַ שעת־הכושר און מען דאַרף עס אויסנוצן, פאָדערן פון אים אַ באַלדיקע תשובה: צי עפנט דער יודנראַט אַ שולע, אָדער נישט.

יעקב האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף צווואַרטן, מחמת די ערשטע דעלעגאַציע האָט באַקומען אַ צוזאָג.

יורי האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט אים שטיין געלאָזט און אָן אַ וואָרט צו זאָגן איז ער אַוועק פון אים.

עס איז געווען אַ טריב וועטער. אַ פייכטקייט האָט דורכגענו־מען די ביינער. אַ בלייערנער הימל און אַ געדיכטער נעפל. אין די ווינקלען פון די זייטיקע געסלעך זענען יונגע קינדער — ייִנגלעך און מיידלעך געשטאַנען מיט בעקנס קאַרטאָפל און הייסן באָבער און גערופן, געשריגן — קויפּטס, קויפּטס!

ווען יורי איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט ער געטראָפן אַ מיליצמאַן, וואָס האָט געוואָרט אויף אים. שרהטשע האָט אים גע־זאָגט, אַז דער אָרדענונגס־דינסטלער איז געקומען נעמען קאַווע.

—אָקערשט גערעדט מיטן פּרעזעס, ד״ר אלט. ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, אַז עס איז אַזוי דרינגנדיק — האָט יורי געזאָגט.

דער מיליצמאַן, אַ הויכער מיט ברייטע אַקסלען און אַ רויט פּנים, האָט זיך זעלנעריש אויסגעגלייכט און מיט זיין האַרטער שטים דערקלערט:

— אַ באַפעל! דאָ איז דאָס פּאַפּיר!

— מאָרגן וועל איך צושטעלן, — האָט יורי קורץ אָפּגע־ענטפערט.

— דאָס מוז זיין שוין, צוליב דעם בין איך געקומען.

— כאַפּ־לאַפּ, קאָן איך עס נישט מאַכן.

— מוז איך וועגן דעם מעלדן מיין פאַראָרדענונגס־געבער, — און איז אַוועק.

— כ׳האָב מורא מען וועט קומען מיט אַ באַפעל צו אַרעס־טירן — האָט שרהטשע זיך אויפגערעגט.

יורי האָט אָנגעשריגן אויף שרהטשען, זי זאָל נישט מאַכן קיין פּאַניק. אויך הערשל האָט זי באַרויקט. ער האָט געהאַלטן מיט יורין, אַז ער האָט גוט געהאנדלט.

שרהטשע איז אַרומגעגאַנגען אין גרויס שרעק, אַז זיי וועט עפּעס נישט גוטס געשען. זי האָט מורא געהאַט צו שטיין אין די ד׳ אמות פון יורין, ער זאָל נישט זען ווי זי ציטערט פון שרעק. זי האָט זיך באַהאַלטן און זיך געקנייפּט די באַקן. עס איז געווען מיטאָג־צייט. זי האָט געדאַרפן גרייטן דעם טיש און נישט געקאָנט דאָס טאָן. די הענט האָבן זיך איר נישט געלייגט צו קיין אַרבעט. צפּורה האָט געגרייט דעם טיש. ווען אַלע זענען שוין געזעסן ביים טיש צום מאָלצייט, האָט שרהטשע די ערשטע דערהערט, אַז מען גייט צו זיי.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. דער מיליצמאַן איז ווי־ד׳ער געקומען. ער האָט געבראַכט אַ דרינגנדיקע אויפפאָדערונג צו געבן די קאַווע. שרהטשע האָט אַרויסגעכאַפּט אויף זיך דאָס טוך, גענומען די שליסלען און אַוועק מיט אים אין קראָם. ווען זי איז צוריקגעקומען האָט מען אויף איר פּנים געמערקט צערודערונג און פאַרלוירנקייט זי האָט גאָרנישט געזאָגט און ביי קיינעם האָט זיך נישט געעפנט דאָס מויל זי צו באַרויקן, דערמוטיקן. אַלע האָבן גע־ווּסט, אַז די קאַווע איז געווען דאָס לעצטע ביסל סחורה, פון וועלכן מען האָט געצויגן די חיונה. איצט איז זיי צוגענומען געוואָרן דער לעצטער ביסן פון מויל. די צוויי קינדער, פראַדעלע און אסתרל. האָבן זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל. הערשל האָט איבערגעריסן די שווערע שטימונג:

— די יודנראַטניקעס וויזן אויף טריט און שריט, אַז זיי דינען דעם דייטש.

— אוודאי אַזוי! — האָט יורי אונטערגעהאַלטן — זיי פירן

אויס, וואָס די דייטשן וואָלטן אַליין נישט אימשטאַנד געווען אויס־צופירן. פון וואַנען וואָלט די געשטאַפּאָ געוווּסט, אַז ביי מיר איז פאַראַן קאַווע? די יודנראַטניקעס, זיי האָבן געוווּסט. נאָך נישט גע־ווען קיין פאַל, אַז דער יודנראַט זאָל אויף אַ פאָדערונג פון דער געשטאַפּאָ ענטפערן מיט — ניין, און זאָגן קלאָרע ווערטער, אַז עס איז שוין נישטאָ וואָס צו נעמען. עס פעלט אים, דעם פּרעזעס אַנשטענדיקייט, מוט און מענטשלעכע ווערדע.

עס איז אַריינגעקומען זאַליק.

— וואָס עפּעס היינט אַזוי פרי, זאַליק? — האָט יורי געפרעגט.

— איך האָב נישט געקאָנט איינזיצן דאָרט. ס'האָט מיך גע־הויבן פון אָרט.

— וואָס איז געשען?

— די דייטשן פאָדערן שוין ווידער גאָלד. פאַראַן מכלומרשט אַ מעגלעכקייט פּטור צו ווערן פון דער געלער לאַטע. אַנשטאָט דעם וועט מען טראָגן... אַ ווייסן אָרעמבאַנד מיט אַ בלאָען מגן־דוד. דאָס דאַרף זיין אַ ישועה... מיר גלויבט זיך שוין נישט, אַז דער יודנראַט זאָל אַמאָל עפּעס פועלן ביי דער געשטאַפּאָ. מען שטופּט גאָלד עס זאָלן אויפהערן די „לאַפּאַנקעס" און זיי הערן נישט אויף. ד"ר אלט און זיינע נאָענטע מיטהעלפער פאַרקויפן אונדז דעם דייטש. יורי, עס האָט מיך היינט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק אַז עס דראָט אונדז אַ געפאַר און איך וואָלט געוואָלט אַנטלויפן, וווהין עס לאָזט זיך. מען זאָגט, אַז מען קאָן זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָרף, ווען מען האָט נאָר אַ פריינדלעכן פּויער דאָרט. דו, יורי האָסט דאָך געהאַט תמיד צו טאָן מיט די פּויערים, גוט באַפריינדעט מיט זיי. לאָמיר אַרויס־פאָרן, יורי. מיט דיר וואָלט איך געפאָרן.

יורי האָט זיך איבערגעקוקט מיט הערשלען. געווען ממש דערשטוינט, וואָס אין זאַלצן איז פאָרגעקומען אַזאַ ענדערונג. יורי

האָט געוווסט, אַז זאַלץ וועט אויף דער שטעלע אין יודנראַט לאַנג נישט אויסהאַלטן. אַ מענטש מיט אַ ביסל יושר אין האַרצן קאָן נישט שטיין אין די ד׳ אמות פון יודנראַט. ער האָט דעריבער טיף מיטגעפילט זאַלצן און פאַרשטאַנען זיין צער, זיין פאַרביטערונג. אָבער דער פּלאַן אַוועקצופאָרן איז אים נישט געפעלן. ערשטנס, וואָס וועט מען טאָן אין דאָרף? לויפט מען דאָך היינט פון דאָרף אין שטאָט. מען לויפט פון די קליינע שטעטלעך אין די גרעסערע שטעט. מען וויל זיין צווישן אַ גרעסערן ציבור יידן. ער האָט אויפ־געקלערט זאַלצן אָנווייזנדיק דערביי, אַז וואָס שייך זיכערקייט, איז מען אין דאָרף אפשר אומזיכערער ווי אין שטאָט.

זאַלץ האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן:

— פאַרוואָס זאָל דאָרט זיין אומזיכערער ווי דאָ? — האָט זאַלץ געטענהעט — אַז מיר וועלן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, וועט מען נישט וויסן, אַז מיר זענען דאָ אין דאָרף. אַ פּרנסה, וועט מיין אידל מוזן זיך נעמען צום אַלטן פאַך אירן, צו שניידעריי, וועט זיין צום לעבן.

מיר זענען זעקס מענטשן, זאַלץ — האָט הערשל זיך אָנגע־רופן — זעקס איז נישט צוויי. פון וואָס וועט מען דאָרט מאַכן אַ לעבן?

— איך שטעל מיר נישט פאָר, אַז אין דאָרף זאָל ביי די איצטיקע באַדינגונגען מעגלעך זיין צו לעבן און זיכערער ווי אין שטאָט. מענטשן וויסן דאָס און דערפאַר טאַקע בלייבט מען אין שטאָט — האָט שרהטשע זיך אַריינגעמישט, מורא האָבנדיק, אַז יורי וועט זיך לאָזן איבערעדן.

צפורה איז אַריינגעקומען און אַוועקגערופן הערשלען — פּראַדעלע האָט היץ, מען דאַרף שוין רופן אַ דאָקטאָר. דאָס קינד

ברענט ווי אַ פײַער — האָט זי פֿאַרבראָכן די הענט. שרהטשע איז מיטגעגאַנגען מיט זיי.

יורי איז געבליבן אין שטוב. ער האָט מודה געווען זאָלצן, אַז די וואָס קאָנען אַוועק פֿון שטאָט דאַרפֿן דאָס טאָן. ער אָבער וועט נישט אַוועק. כּל־זמן עס זענען דאָ יידן אין שטאָט וועט ער נישט אַנטלויפֿן — מען דאַרף זיך נעמען אין די הענט. מען דאַרף זיך האַלטן איינס אויף איבערצוהאַלטן. אפשר וועט טאַקע קומען אַ ישועה — האָט ער געזאָגט און פֿאַרגעסן אין זיין פּעסימיזם.

דער דאָקטאָר האָט באַרויקט צפּורהען, אַז דעם קינדס אַוועקפֿאַלן אין היץ נעמט זיך פֿון אַ לייכטער מאָגן־פֿאַרדאַרבונג און די היץ וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן.

*

יורי איז געקומען פֿון גאַס מיט אַ שווער געמיט — די שולע וועט זיך אַזוי שנעל נישט עפֿענען, דער אויסרייד איז: נישטאָ קיין לאָקאַל.

הערשל האָט יורין פֿאַרגעלייגט צו ווערן פֿאַרמיטלער, צוזאַמען מיט אים גיין אין גאַס און מעקלערן צווישן די סוחרים.

יורי האָט זיך שטאַרק געחידושט וואָס הערשל וואָגט אים מאַכן אַזאַ פֿאָרשלאַג, און האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפֿן. כאָטש זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן שווערער פֿון טאָג צו טאָג. ער וואָלט גרייט געווען צו טאָן כל עבודת פּרך, אָבער מעקלעריי — דאָס נישט!

איינמאָל איז אייערוויץ געקומען צו לויפֿן צו יורין:

— איינער איז קיינער! דו ביסט געבליבן אַליין. מענטשן הערן דיך אויס, אָבער טוען גאָרנישט, אויב דו ווייסט נישט, זאָג איך עס דיר! ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש. איך זע נישט די תלמידים פאַר אַ שול. די קינדער מוזן גיין אַרבעטן צוואַנגס־אַרבעט. אַלע דיינע פריינד האָבן זיך גענומען מאַכן די קאָפּיקע, ווי לאַנג וועסטו זיך אַזוי מוטשען יורי!

יורי האָט אויסגעהערט, אָבער האָט זיך נישט געלאָזט באַ־ווירקן פון אייערווייזן. ער האָט געהאַלטן, אַז די איצטיקע מיסחרים זענען מער שפּעקולאַציע ווי מיסחר. דאָס איז אים קיינמאָל נישט געווען צום האַרץ. געווירקט אויף אים ער זאָל צוהעלפן הערשלען אין זיינע מיסחרים האָט צפורה. זי האָט אָפּגעהיט אַ מינוט ווען שרהטשע איז נישט געווען אין שטוב און גענומען איינטענהען מיט יורין:

— יורי, דו האָסט אַ פּרוי מיט אַ קינד, באַדענק זיך, יורי, עס איז איצט אַ געלעגנהייט טאָן עפּעס און פאַרדינען. שפּעטער ווער ווייסט וואָס עס קאָן זיך מאַכן. ס'איז דאָך נישט קיין נאָרמאַלע צייט. מען קאָן אַמאָל באַדויערן וואָס מען האָט פאַרזאַמט. הערשל האָט אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט סוחרים, וואָס ברענגען אַריין סחורה. קאָנסט אים אַ סך העלפן אין דעם, אַרבעט צוזאַמען — און זאָל זיין מיט גליק. שרהטשע רעדט נישט. זי וועט דאָס דיר נישט זאָגן, אָבער קוק אָן איר פּנים. זי גייט דאָך אויס. זי ליידט... שווייגט און ליידט...

די לעצטע ווערטער צפורהעס האָבן יורין אַ ריס געטאָן ביים האַרצן. ער האָט גענומען גיין הין און צוריק איבערן צימער און זיך געשטעלט ביים פענצטער צולייגנדיק זיין קאָפּ צו די קאַלטע פענצ־טער־שויבן. אַ גראָ־בלייאיקער הימל האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער אומעטיקער שטאָט. אַ שווער געפיל איז ווי אַ שטיין אים גע־

לעגן אויפן האַרצן. וואָס איז געוואָרן פון דער אַמאָל אַזוי לעבעדי־קער, ליכטיקער שטאָט? און וואָס איז געוואָרן פון אים? ער איז דאָך אַזוי הילפסלאָז, און שרהטשע... זי גייט דאָך אויס — האָבן אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן צפורהעס ווערטער.

ווען צפורה איז אַריינגעקומען אין עס־צימער, האָט יורי זיך אַוועקגעריסן פון פענצטער, אָנגעכאַפּט זי ביי די הענט און מיט אַ שמייכל, אין וועלכן ס'איז געווען מער טרויער ווי פרייד — האָט ער געזאָגט צו איר:

— זיי נישט פאַרצווייפלט, צפורה. איך האָב באַשלאָסן האַנדלען צוזאַמען מיט הערשלען, כאָטש דאָס איז מיר נישט צום האַרצן, אָבער אין אַזעלכע שווערע צייטן טאָר מען נישט זיין קיין אויס־קלייבער. שרהטשע און דאָס קינד דאַרפן נישטליידן צוליב מיינע פּרינציפּן...

יא

אין דרויסן איז געפאַלן אַ שניי און מיטאַמאָל, ווי דורך אַ פאַרקלעמונג, האָט אויפגעהערט שנייען. דער אָנגעפאַלענער שניי איז געבליבן ליגן אַ פּוכיקער און ווי אַ שוים באַדעקט די גאַס. די ווייסקייט האָט געבלענדט. עס איז אַראָפּ אַ רעגן און פון דעם שניי איז געוואָרן אַ בלאָטע. נאָכן רעגן איז געקומען אַ שטורעם־ווינט, וואָס האָט געבראַכט אַ פראָסט, אַ האָגל גרויס ווי אַרבעס איז געפאַלן.

ביי יורין אין שטוב האָבן זיך אַרומגעדרייט סוחרים, מעקלערס, די טיר האָט זיך נישט פאַרמאַכט. מען איז אַריין און אַרויס. איינער האָט גענומען אַ מוסטער פון סחורה, דערוווסט זיך דעם פרייז און אַוועק. אַ צווייטער האָט געברענגט אַ מוסטער פון סחורה. ס'איז אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקער קויף־און־פאַרקויף.

שרהטשע איז צופרידן געווען, וואָס יורי איז פאַרטאָן אין האַנדל און האָט כמעט פאַרגעסן וועגן יודנראַט. זי האָט אים איצט נישט נאָכגעקוקט וווהין ער גייט. זי האָט זיך פאַרנומען מיט דער־ציילן מעשהלעך אסתרלען. דעם קינד איז אַרויסגעפאַלן אַ ציינדל, האָט זי עס איינגעוויקלט מיט דעם מעשהלע וועגן אייזערנעם און ביינערנעם צאָן און פאַרענדיקט מיטן לידל: „הייזעלע, מייזעלע, נאַ דיר אַן אייזערנעם צאָן, גיב מיר אַ ביינערנעם. דאָס קינד האָט שוין לאַנג נישט געשפּילט זיך מיט אַזוי פיל הנאה און פרייד.

עס איז אַביסל שוואַכער געוואָרן אויפן מאַרק מיט קאָלאָניאַל־סחורה, האָט הערשל אויסגעפונען אַן אַנדער באַשעפטיקונג. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען וועט ביי יידן צונעמען די גע־שעפטן, האָבן יידן אָנגעהויבן איבערגעבן די געוועלבער גויים. הערשל האָט אויסגעפונען קריסטן, וואָס האָבן מסכים געווען איבער־צונעמען, לפנים, די יידישע קראָם אויף זייער נאָמען, ביז עס וועלן קומען אַנדערע צייטן... ער האָט צונויפגעפירטביידע צדדים ביי זיך אין שטוב, ווו עס זענען געמאַכט געוואָרן די טראַנזאַקציעס. יורי האָט געשריבן די אָפּמאַכן, פיגורירט אַלס עדות, דערפירט צום חתמענען אויף דעם אָפּמאַך. געלעגנהייטלעך האָט הערשל אויך פאַר־מיטלט ביים קויפן שפּייז־פּראָדוקטן.

יורי האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אויסנוצן זיין קאָנטשאַפט צווישן די פויערים און גיין אין דאָרף אַריין איינקויפן אַביסל קאַר־טאָפלעס, עטוואָס מילכוואַרג און אפשר אַ קעלבל אויך. עס וועט

זיין צום פאַרקויפן און אויך פאַר דער שטוב. שרהטשע איז געווען קעגן דעם. אויך הערשל האָט אים אָפּגערעדט פון גיין אין דאָרף:

— מען איז נישט זיכער אויף די וועגן. מען דאַרף נישט איינשטעלן דאָס לעבן.

— מען איז אין שטוב נאָך ווייניקער זיכער — האָט יורי אָפּגעענטפערט.

יורי איז אַוועק אין דאָרף. עס איז אַריבער אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און מען זעט אים נישט צוריק. שרהטשע האָט נישט גע־ווּסט וואָס איבערצוקלערן — „אין איין טאָג קאָן מען דאָך מאַכן אַלע קניות. וואָס האָט ער דאָרט צו זיצן טעג? נישט אַנדערש — מען האָט אים „געכאַפּט" — עס־עס־פּאַטרולן זענען דאָך פול אויף די וועגן".

צפורה האָט זי באַרויקט:

— יורי איז נישט איינער אין דאָרף. יעדן טאָג גייען אַהין מענטשן. ער האָט זיכער אין דעם דאָרף נישט געקריגן, וואָס ער האָט געוואָלט, איז ער אַוועק אין אַ צווייטן דאָרף. קאָן זיין, ער איז שוין אויפן וועג אַ היים.

אויך הערשל האָט זיך באַמיט אויפצוקלערן שרהטשען, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו באַאומרויקן זיך:

— אין דאָרף איז ביז איצט נאָך גאָרנישט געשען מיט קיינעם. יורי זאָמט זיך אַביסל לענגער — דאַרף מען דאָס גישט אויסלייגן אויף שלעכט, ווייל דער טאָג איז קליין באַוויזט ער נישט אַלץ צו דערליידיקן. און אפשר וויל ער נישט ביינאַכט זיין אין וועג און וואַרט ביז מאָרגן פרי.

אויפן דריטן טאָג איז יורי געקומען. איידער ער איז געגאַנ־גען זיך וואַשן און איבערטאָן, האָט ער געשיקט הערשלען אָפּצו־וואַרטן די פור מיט די איינגעקויפטע פּראָדוקטן. ער האָט נישט אויפגעקלערט פאַרוואָס ער האָט זיך געזאמט צוויי טעג. האָט אָבער געהאַט צו דערציילן וועגן עפּעס, וואָס האָט אים אַרויפגעבראַכט אויף טרויעריקע געדאַנקען... ער ווייסט נישט ווי צו דערקלערן זיך דאָס, וואָס ער האָט געזען.

— וואָס אַזעלכעס האָסטו געזען? — האָבן די שטוביקע אים געפרעגט.

— איך ווייס נישט. עפּעס גרייט זיך דאָרט. גייענדיק אין דאָרף האָב איך אויף די פעלדער לעבן מיידאַן געזען אָנגעלייגט גע־הילץ. מען שטעלט וועגט, מען מעסט, וואָס זאָל דאָס באַדייטן? זעט אויס באַראַקן, אָבער פאַר וועמען? פאַר דער אַרמיי וועט מען דאָך נישט שטעלן קיין באַראַקן אָן פענצטער? צוליב וואָס, און פאַר וועמען בויט מען דאָס? עפּעס זאָגט מיר מיין האַרץ, אַז עפּעס גרייט זיך.

— זאָלץ איז דאָ געווען. אויך ער האָט עפּעס דערציילט וועגן באַראַקן — האָט שרהטשע געזאָגט.

— איך האָב מורא, אַז די באַראַקן זענען באַשטימט פאַר יידן פון אַנדערע געגנטן, וואָס מען ברענגט זיי אַהער. עפּעס אַזעלכע קלאַנגען גייען אַרום.

שרהטשע האָט געזען, אַז יורי הייבט שוין אָן איבערצוטרייבן, האָט זי זיך פאַרטראַכט, ווי ווען זיך דערמאָנען אין עפּעס און געזאָגט:

— זאָלץ זאָגט, אַז מען בויט באַראַקן פאַר פאַרברעכער, וואָס וועלן אהער געשיקט ווערן אויף אַרבעט פון דייטשלאַנד.

— אָ, זעסטו, ווייסן זיי דאָך שוין עפּעס. עסט זאָגן אייער־ווייזן און זאַלצן זיי זאָלן אַריינקומען. איך דאַרף כאַפּן אַ שמועס מיט זיי.

— אייערווייז איז קראַנק.

— אויב אַזוי, וועל איך גיין צו אים!

*

שרהטשע האָט זיך איבערגעקוקט מיט צפורהען — שוין עטלעכע מאָל ביי אייערווייזן געווען דער דאָקטאָר און ווייסט נישט וואָס אים איז, אַ סברה ס'איז אַ טיפוס.

צפורה האָט דאָס געזאָגט יורין.

— וועסט זאָגן זאַלצן, ער זאָל אַריינקומען! פאַר אים האָב איך אַ גאָר וויכטיקע זאַך. אויב ער וויל קאָן איך אים איינאָרדענען אין דאָרף.

יורי האָט געזען, אַז שרהטשע איילט זיך נישט צו גיין צו זאַלצן, האָט ער גאָרנישט געזאָגט און איז אַליין אַוועק צו אים.

זאַלץ האָט יורין אויסגעהערט, אָבער ער קאָן נישט טראַכטן וועגן דעם, כל־זמן אײדל איז קראַנק, זי וועט מוזן גיין אין שפּיטאָל.

אין דער צייט, וואָס יורי איז געווען ביי זאַלצן, האָט הערשל געבּרענגט אין שטוב אַריין אַביסל פון די פּראָדוקטן, וואָס יורי האָט איינגעקויפט — אין אַ זעקל צעטיילט אין צוויי טיילן מיט אַ שטריקל פאַרבונדן אין מיטן, אין איין טייל שוואַרצע קאַשע, אין דעם צווייטן הירזש. דאָס שעפּסל און קרויט האָט ער פאַרקויפט און גע־נומען אַ גוטן פּרייז.

— אַז איך האָב שוין יאָ אַזוי גוט געטראָפן, וועל איך מאָרגן ווידער זיך אַריינכאַפּן אין דאָרף אַריין. — האָט יורי געזאָגט צו שרהטשען.

— איך וויל נישט. דו זאמסט זיך דאָרט טעג, און מיר פּאַלט דאָ אַרויס ס׳האַרץ.

— דאָס מאָל וועט שוין נישט אַזוי לאַנג דויערן.

— הערשל וועט מיטגיין — האָט צפורה פאַרגעלייגט.

— ניין, דאָס נישט! — איין מאַנספאַרשוין מוז בלייבן אין שטוב.

— אויב אַזוי, זאָג הערשלען אין וועלכן דאָרף דו ביסט געווען און מיט וועלכן פויער ער דאַרף זיך זען, וועט ער דאָס מאָל גיין.

יורי האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט מאַכן בעסער און אַז איצט וועט ער זיך נישט זאַמען אַזוי לאַנג:

— דאָס ערשטע מאָל איז מיר אָנגעקומען שווער, ווייל די פויערים, וואָס קענען מיך, האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, און די פויערים, צו וועלכע מען האָט מיר אָנגעוויזן, האָבן צוערשט מורא געהאַט מיר צו פאַרקויפן. עס האָט געמוזט דויערן ביז איך האָב געוווּנען זייער צוטרוי. איצט וועל איך שוין גיין אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג און וועל עס מאַכן איינס־צוויי.

— מען דאַרף נישט צופיל איינשטעלן! — האָט שרהטשע זיך אויפגערעגט.

— עס איז שוין נישט קיין ריזיקע. איך קען שוין אַלע וועגן און ווייס ווי צו היטן זיך.

— זאָל דאָך הערשל מיטגיין, טאָמער טרעפט עפּעס אויפן וועג — האָט צפורה ווידער פאַרגעלייגט.

— טאָקע דערפֿאַר דאַרף איך גיין אַליין, טאָמער טרעפֿט עפּעס, חלילה, זאָל עס טרעפֿן אײנעם און נישט ביידע.

הערשל האָט געשוויגן. ער האָט זיך פֿאַרלאָזט, אַז צפּורה וועט שוין פּועלן ביי יורין, ער זאָל נישט גיין אַליין.

יב

האַלבע נאַכט. הערשל איז געשטאַנען ביים פֿענצטער און געקוקט אויפֿן פֿאַלנדיקן שניי, וואָס האָט זיך געלייגט ווי אַ פּוכיק ווייס געבעטעכץ אַרום די פֿענצטער־שויבן. האָט מיט אמאָל פֿון דער גאַס זיך דערהערט אַ מאָדנע פֿאַרעניש פֿון וועגענער. ליידיקע פּויערישע וועגענער האָבן זיך געצויגן אין אַ לאַנגער ריי. ער האָט אויפֿגעוועקט יורין. ביידע האָבן זיך אײנגעהערט אין דעם כריפּ־און־סקריפּ פֿון די רעדער. יורי האָט געוואָלט אויפֿוועקן שרהטשען. הערשל האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— מאַך נישט קיין פּאַניק. די דייטשן מאָביליזירן מסתמא פֿערד און וואָגן — זאָגט ער מיט זיכערקייט, ווי ער וואָלט וויסן, אַז אַזוי איז עס.

עס האָט שוין אָנגעהויבן גראָען אויף טאָג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. שרהטשע און צפּורה זענען אויפֿגעשפּרונגען פֿון די בעטן. יורי האָט אויפֿגעריגלט אַלע ריגלען און געעפֿנט די טיר.

זאַלץ איז אַרײַנגעקומען אין שבתדיקן באָרדאָ־שלאָפֿראָק. נישט באַוויזן זיך אָנצוטאָן:

— ס׳איז נישט קיין גלאַטע זאַך — האָט ער קוים אַרויסגע־רעדט. די ליפּן האָבן אים געציטערט פון אויפרעגונג, צי פון פּחד.

ס׳האָט זיך ווידער געעפנט די טיר און מלכה אייערוויז, איינ־געהילט אין אַ ברייטער פאַטשיילע איז אַריינגעקומען. איר פּנים ווייס ווי קאַלך:

— עס מאַכט זיך עפּעס. וואָס טוט מען מיט פּסחן אַז מען וועט דאַרפן לויפן, ווי אַזוי נעמט מען אים, אַ קראַנקן פון בעט?

שרהטשע האָט אסתרלען אויפגעוועקט פון שלאָף, אָנגעטאָן איר דאָס מאַנטעלע און גענומען זיך גרייטן צו לויפן. יורי האָט גע־שפּרייזט איבערן צימער, אין קאָפּ האָבן זיך אים געפּלאָנטערט פאַרשידענע געדאַנקען. דער זייגער אויפן קרעדענס האָט געקלונ־גען זיבן. אויף דער גאַס איז שטיל געוואָרן. מען האָט נישט געזען מער קיין וועגענער. אַלע האָבן לייכט אָפּגעעטעמט. שרהטשע איז אַריין אין קיך גרייטן עסן פאַרן קינד. יורי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָפּגעשפּרונגען צוריק, ווי מען וואָלט אים אָוועקגע־שליידערט.

— די גאַס איז באוואַכט! פּאַטרולן ביי די הייזער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

צפּורה און שרהטשע האָבן געכאַפּט די קינדער אַראָפּצולויפן אין קעלער. אויף די טרעפּ האָבן זיך דערהערט שווערע טריט. הערשל האָט געעפנט די טיר אַרויסצוגיין פון שטוב. צוויי באַוואָפנ־טע עס־עס־לייט האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— לאָס! לאָס! — האָבן זיי באַפוילן מיט געשריי אין שטוב אַריין.

אַלע האָבן געמוזט אַרויס פון דער שטוב.

— אויף דער גאַס איז געווען אַ פּאַניק. פרויען איינגעהילט אין פּאַטשיילעס, די קינדער אויף די הענט, מאַנסליײט מיט עופּעלעך אין קישנס זענען געלאָפן אַהין און אַהער. רופעררייען און געשרייען פון פרויען און געוויין פון קינדער האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

— שלמהעלע! האַלט זיך אין מיר!

— יצחקל! לויף נישט, דו וועסט מיך פאַרלירן!

— מירעלע! האַלט זיך לעבן טאַטן!

— הערשל מיט צפורהען האָבן אויסגעפונען שרהטשען מיט יורין. פויערים מיט זייערע פורלעך זענען אָנגעפאָרן. עס־עס־לייט האָבן באַפוילן מען זאָל אַרויף אויף די פורלעך. זיי האָבן גערי־משעט, געיאָגט:

— לאָס! לאָס!

מענטשן האָבן פון די וועגעלעך געשריגן:

— וווהין פאָרט מען?

— ווו איז דער יודנראַט?

די וועגענער האָבן געצויגן אין אַ לאַנגער ריי. די אויסגע־דאַרטע פויערישע פערדלעך האָבן קוים געשלעפט די פיס. מען איז אַרויס פון שטאָט. אַ מאָדנע טרויער־שטילקייט האָט מיט איין מאָל באַהערשט די מענטשן אויף די פורלעך. איז דאָס געווען רעזיגנאַ־ציע, אָדער דאָס שטומע געוויין פון צעפייניקטע נשמות?...

דעם זעלבן טאָג, אין אָוונט, האָבן די פויערישע פורלעך דורך אַנדערע וועגן זיך צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין. מענער און פרויען זענען געשפרונגען פון די וועגענער, אין מיטן וועג איבער־געלאָזט טייל זאַכן אויף די וועגענער, און ווי גערֵאַטעוועטע פון אַ פייער זענען זיי מיט ווילדן אימפּעט געלאָפן צו זיך אין די היימען.

— האָבן די דײַטשן אַ שפּאַס געמאַכט; אָדער זײַ האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר עפּעס און צוריקגערופֿן דעם גירוש? ווער ווייסט — אפשר איז דאָס גאָר אַ רעפּעטיציע צו אַן אמתן גירוש... האָבן מענטשן געפֿרעגט און געזוכט אַן ענטפֿער.

יג

יורי מיט זײַן משפּחה זענען צוריקגעקומען. ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפֿן אויף דער סאָפֿקע מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ, ווי אַ שווערער שטיין האָט עפּעס געדריקט אויף זײַן נשמה. פֿאַר אים איז קלאָר געוואָרן, אַז דער אינסצעניזירטער גירוש איז אַ פֿאַרשפּיל פֿאַר אַן אמתן גירוש. פֿאַר אַ דעפּאָרטאַציע, וואָס די דײַטשן גרייטן צו.

דעם אָוונט איז שרהטשע געווען מוראדיק צערודערט. יעדער שאָרך, וואָס איז געקומען פֿון דער גאַס, האָט אויף איר אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק. אירע נערוון זענען געווען אַזוי צעשרויפֿט, אַז זי האָט נישט אויפֿגעהערט צו רעדן וועגן גירוש, און יעדע ווײַלע צוגע־לאָפֿן צום פֿענצטער אַ קוק טאָן צי עס קומען נישט אָן קיין וועגענער:

— אַנטלויפֿן, וואָס גיכער אַנטלויפֿן פֿון דאַנען! נאָך אַזאַ גירוש וועל איך נישט איבערטראָגן — האָט זי געמורמלט אַרומ־שפּאַנענדיק איבערן צימער.

— מען דאַרף נישט אַנטלויפֿן — האָט יורי גערעדט צו איר רויק און געלאַסן. און מען דאַרף נישט איבערטרײַבן די סכנה. אויב

דער גירוש איז צוריקגערופן געוואָרן מוז דאָך זיין עפּעס אַזוינס, וואָס האָלט זיי אָפּ, די דייטשן, פון דעם. אויב אָבער זי וויל דווקא אַוועק פון שטאָט — וועט ער עס טאָן.

באַגינען איז יורי אַוועק אין דאָרף. צומאָרגנס האָט אַ פּויער געבראַכט פון אים אַ בריוול, אַז ער מוז דאָרט פאַרבלייבן נאָך אַ טאָג. אויפן דריטן טאָג, פאַרנאַכט איז ער צוריקגעקומען און איידער ער האָט באַוויזן זיך אָפּצורוען האָט ער אין אַ נערוועזער שטימונג געהייסן די פרויען זאָלן זיך גרייטן אין וועג.

— אין דאָרף איז אַלץ דערליידיקט. מען דאַרף קיין איבעריקע מינוט נישט וואַרטן. צ׳וועט דאָרט זיין ווי אַלטע תושבים, ווי די פּויערטעס.

— וואָס איז געשען, יורי? האָסט זיך דערוווּסט, אַז עפּעס גרייט זיך? — האָט צפּורה אַ פרעג געטאָן. — דו האָסט דאָך גע־האַלטן, אַז מען דאַרף בלייבן אין שטאָט?

— מען זאָגט, אַז אין מיידאַן ווערט צוגעגרייט אַ קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער — האָט יורי געענטפערט.

— דו הערסט אין דאָרף מער נייעס ווי מיר דאָ אין שטאָט — האָט הערשל זיך אָנגערופן. — פּויערים פּלאַפּלען, טראַכטן אויס מעשיות און דו, יורי, נעמסט עס ערנסט.

— אוודאי. פּויערים פּלאַפּלען אויס אַלץ וואָס זיי הערן. זיי טראַכטן נישט אויס. מען דאַרף זיך גוט צוהערן צו זייער „פּלאַפּלע־ריי" אַ פּויער ווייסט נישט קיין חכמות — וואָס אויפן לונג, דאָס אויפן צונג...

— דו ביסט איבערגעשראָקן, יורי, פון דער גירוש־בהלה — האָט הערשל געפּרוּווט אים געבן צו פאַרשטיין — ניין, אפילו דער פּרוּוו „אויסזידלען" אונדז איז דורך „זיי" אַליין אָפּגערופן געוואָרן, הלמאי וועלן „זיי" דען איצט אויסזידלען יידן פון אַנדערע לענדער? ווי

פאַלט דיר איין אַזאַ זאַך, יורי ?... די וועלט וועט נישט שוויגן ! די מעשה מיטן לאַגער אין מיידאַן איז אויסגעטראַכט פון אָנהייב ביז סוף. איך האָב וועגן דעם אַלעם נישט געהערט. כ׳וויס נישט פון וואַנען דו נעמסט די ידיעות.

— אַז מען רעדט נישט, איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז מען ווייסט נישט. פאַראַן מענטשן, וואָס ווייסן און דערציילן נישט, כדי נישט אַרויסצורופן קיין פּאַניק. פאַר מיר איז מאָסגיביק דאָס וואָס איך האָב געהערט אין דאָרף. שרהטשע וויל נישט זיין אין שטאָט. די פויערטע האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיין ביי איר ווי אירס אַ שוועסטער. פאַר שרהטשען טו איך דאָס.

— און די שטוב ? אַלץ איבערלאָזן אויף הפקר ?

— מירביידע וועלן דאָ בלייבן.

— גוט, מען וועט הערן וואָס מענטשן זאָגן.

— איך וועל קיינעם נישט פרעגן.

באַגינען האָט יורי אויפגעוועקט די קינדער. שרהטשע און צפורה האָבן גענומען זיך גרייטן אין וועג. יורי האָט אָפּגעשמועסט מיט הערשלען, אַז ער זאָל אַרויסטראָגן די פּעקלעך צום פויערישן פורל, וואָס וועט וואַרטן אויף זיי אין אַ זייטיק געסל. אַז שרהטשע און צפורה וועלן שוין זיין ביים פורל, זאָל ער, הערשל פון זיי צונעמען די אָרעמבענדער. זיי וועלן פאָרן ווי אַ פויערישע משפחה. יורי האָט צוערשט אַרויסגעשיקט שרהטשען מיטן קינד, דערנאָך צפורהען מיט פראַדעלען. ער איז אַוועק דורך אַן אַנדערן וועג, און ווען ער איז צוגעקומען האָט ער אַלעמען שוין געטראָפן ביים פורל. הערשל האָט אַרויפגעלייגט די פּעקלעך, גענומען פון צפורהען און שרהטשען די אָרעמבענדער און איז אַוועק אַהיים. יורי האָט גע־ האָלפן די פרויען מיט די קינדער זיך איינזעצן אויפן פורל. דער פויער האָט אַ יאָג געטאָן די קאָבילע. אָפּפאָרנדיק אַ היפּש שטיקל

וועג, האָט יורי דערזען, אַז עס־עס־לייט גייען זיי אַנטקעגן, האָט ער גענומען פון פויערל די לייצעס מיט דער בייטש, כדי עס זאָל אויס־זען, אַז דאָס איז זיין פערד און וואָגן. די דייטשן זענען פאַרבייגע־גאַנגען און זיך נישט אָפּגעשטעלט. אַלע האָבן פריי אָפּגעעטעמט. פּלוצלונג — אַ געשריי — „האַלט! האַלט!" — יורי האָט זיך נישט אומגעקוקט, שטאַרקער געשמיסן דאָס פערדל. עס האָט זיך דער־הערט אַ שאָס. דער פויער האָט זיך דערשראָקן, אַ נעם געטאָן יוריס האַנט, אַ צי געטאָן די לייצעס, אַזוי שטאַרק, אַז ס'פערדל האָט זיך אָפּגעשטעלט. די טריט האָבן זיך דערנענטערט, אָט זענען זיי שוין ביי דער פור, איינער פון רעכטס, דער צווייטער פון לינקס.

— אַאוסשטייגן!

אַלע זענען אַראָפּ פון דער פור חוץ די קינדער. די דייטשן האָבן באַטאַפּט די פעקלעך, וואָס זענען געלעגן אין וואָגן. איינער האָט גענישטערט אין דעם שטרוי. פּלוצלונג האָט איינער אַ כאַפּ געטאָן פון פויער די בייטש. דער פויער האָט געוויזן זיין דאָקומענט. דער דייטש האָט געפאָדערט אויך פון יורין זיין פּאַס. ער האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן צום צווייטן און יענער האָט גלייך אויפגעהערט צו זוכן. ער האָט אויך באַקוקט יוריס פּאַס. זיי האָבן ביידע אַ קוק געטאָן אויף שרהטשען און צפורהען, אָפּגעמאָסטן זיי פון אויבן ביז אַראָפּ און שטרענג אַ קוק געטאָן אויף יורין:

— יודע?

— ארעמבאַנד?

יורי האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען די פראַגע.

— מאַרש! — האָט איינער פון די עס־עס־לייט אַ ריטשע גע־טאָן און מיט דער האַנט אָנגעוויזן יורין צו גיין פאָרויס.

יורי איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, זיך אומגעקוקט, אַ בליק געטאָן אויף שרהטשען. דער שמייכל אויף זיינע ליפּן האָט זי באַרויקט. אסתרל האָט זיך צעוויינט, האָט ער געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דערהערט אַ באַפעל צו פאַרלייגן די הענט אויף היינטן און גיין ווייטער.

שרהטשע מיט צפורהען האָבן געהייסן דעם פויער פאָרן צוריק אין שטאָט אַריין. ווי נאָר זיי זענען געקומען אין שטאָט, איז שרהטשע אַוועק אין יודנראַט זיך זען מיט זאַלצן. זי האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פון אים.

אין צוויי טעג אַרום איז צו שרהטשען געקומען אַ קריסט, אַן אַרבעטער מיט אַ בריוול פון יורין, אַז ער אַרבעט ביים בויען די מיידאַן־קאַשאַרן. און דאָס אַלס שטראָף פאַר נישט טראָגן דעם אַרעמבאַנד. ער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס בויען וועט לאַנג נישט דויערן און ער וועט אינגיכן זיין אינדערהיים.

א

מיידאַנעק. אַ שטח פון עטלעכע קילאָמעטער פאַרבויט מיט באַראַקן געפאַרבט אויף גרין, מיט קליינע שפּאַרע־פענצטערלעך אונטער די דעכער. 24 באַראַקן הייסט אַ פעלד — פינף פעלדער. יע־דעס פעלד אַרומגעצוימט מיט טאָפּלטע שטעכדראָט־פאַרצוימונג. מיט אַ שקעלעט־קאָפּ־שילדל און צושריפט: „אַכטונג! אַכטונג! פאַר די טויערן פון יעדן פעלד שטייען וואַכליט אין די ביידלעך. אין אַלע פיר עקן פון דעם ריזיקן שטח שטייען אויף טורעמלעך זעלנער באַ־וואָפנטע מיט אויטאָמאַטן. גרויסע רעפלעקטאָרן באַלייכטן דעם ריזיקן שטח. אַרעסטירטע מיט דרייעק־צייכנס. פון פאַרשידענע קאָלירן, זענען די דרייעק־צייכנס: רויט, גרין און שוואַרץ. דער דרייעק־צייכן איז צוגענייט אויפן אַרעסטירטנס בלוזע אונטערן נומער און ווייזט אָן אויף דעם פאַרברעך, וואָס דער איז באַגאַנגען. דער מיטן רויטן דרייעק־צייכן איז פאַרמשפט פאַר אַ פּאָליטיש פאַר־ברעכן. דער מיטן גרינעם דרייעק־צייכן איז אַ קרימינעלער פאַר־ברעכער. אונטער דער שמירה פון אַן אַרעסטירטן מיטן רויטן דריי־עק־צייכן ווערן די פאַרשפאַרטע אין מיידאַנעק געטריבן צו אַרבעט. מען פלאַסטערט וועגן. מען שאַלעוועט ווענט. מען שלאָגט אָן קייט־לען אויף טיר און טויער. מען פאַרפלאַנצט בלומען — „רויזן אַלעע״. אין די לאַנגע אומעטיקע באַראַקן ווערן אויפגעשטעלט

נאַרעס פון נישט געהיבלעוועטע ברעטער. עס ווערן מאָנטירט ספּעציעלע וואַש־שטובן — אַ לאַנגע רער מיט לעכעלעך איבער אַ לאַנגער ווייס עמאַלירטער שיסל, ווי אַ קאַריטע, כדי צענדליקער מענטשן זאָלן קאָנען מיט איין מאָל זיך וואַשן. די איינריכטונג דערמאַנט אָן אַרבעטס־צענטער. די געהיימניש אַרום דעם שטח ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג.

יורי אַרבעט אונטער אַ ספּעציעלער אויפזיכט. מען האַלט אים דאָ איזאָלירט. מען לאָזט אים נישט רעדן מיט קיינעם פון די אַר־בעטער. ער קלויבט אָפּ פון פעלד דאָס מיסט. וווּ עס ליגט אַ שטיין, אַ העלצל, הייבט ער אויף, וואַרפט עס אַריין אין דער טאַטשקע. אַז די טאַטשקע ווערט פול מיט דעם צונויפקלייבעכץ, פירט ער זי צו אַ גרויסן בלעכענעם פאַס, וואַרפט אַריין דאָס מיסט, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבן און פאָרט ווידער צוזאַמענקלייבן מיסט. ער האָט שוין איינמאָל געפרעגט דעם אויפזעער זיינעם צי ער ווייסט ווי לאַנג מען וועט אים דאָ האַלטן. אָבער דער האָט אַ ברום געטאָן: — אַרבייטען! אַרבייטען!

יורי איז מיד פון שטיין געבויגן אַ גאַנצן טאָג. ביינאַכט איז ער אין אַ קליינעם באַראַק אָפּגעזונדערט ווי אין אַ שטייג. עס איז אַ ליידיקער באַראַק. מען שטעלט נישט דאָ קיין נאַרעס. פּוסט, פינצטער און פון אַלע ווינקלען יאָגט אַ שרעק. ער קאָן זיך נישט דערקלערן וואָס וועט דאָ זיין אין דעם באַראַק, וואָס וועט דאָ געטאָן ווערן? אין אַ ווינקל ליגט אַ קופּע שטרוי, ווי אַן אויסגעבעטעכץ פאַר אַ הינט אין אַ שטאַל. ער וואַרפט זיך אויף דעם קופּקעלע שטרוי און שלאָפט דאָך נישט איין. אַלץ איז דאָ אַזוי געהיימנישפול, סודותדיק. ער פילט מיט אַלע זיינע חושים, אַז איבער דעם גאַנצן אַרום שוועבט טויט. מען באַציט זיך צו אים בעסער ווי צו אַנדערע. לעצטנס האָט מען אים געגעבן אַנדערע קליידער, געביטן די צערי־

סענע. ער קאָן זיך דאָס נישט אויסטייטשן. עפּעס פילט ער, אַז דאָ איז אומקום. אַלע זיינע חושים זענען צוגעשפּיצט צו איין פּונקט — זיך נישט פאַרלירן, וואַך זיין, זיך אַרויסקריגן פון דער שטייג. ער האָט נאָך נישט קיין פּלאַן, אָבער אויף דעם פּונקט זענען קאָנ־צענטרירט אַלע זיינע געדאַנקען און חושים.

איינמאָל האָט מען אים אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט. דער אויפזעער איז געשטאַנען מיט נאָך דריי ציווילע און נישט אָפּגעטרעטן פון זיי. נאָך דער פרימאָרגנציילונג פאָרן באַראַק פון די אַרבעטער מיטן רויטן ווינקל־צייכן, איז יורי מיט די דריי ציווילע איבערגעפירט געוואָרן אויף אַן אַנדער פעלד. ער האָט דערזען: אַ גרויסע מחנה מענער, פרויען און קינדער. די מענער האַלטן אין די הענט וואַליזקעלעך, קופערטלעך. קענטיק אַ נאָר וואָס אָנגעקומענער טראַנספּאָרט. עס שטייען מאַשינען אָנגעלאָדן מיט באַגאַזש, אָבער ווערט נישט אויסגעלאָדן. לאַנג קוקן האָט דער אויפזעער נישט גע־לאָזט. מען האָט אים געגעבן אַ צייכן צו גיין ווייטער.

אַלע פיר זענען אַוועק גראָבן גריבער. לאַנגע, שמאָלע קאַנאַ־ווען — אַרבייטען! אַרבייטען! — האָט דער אויפזעער אַ ברום געטאָן. יורי האָט שוין איבערגעכאַפּט אַ פּאָר ווערטער מיט איינעם פון די דריי. ער איז אַ האָלענדישער ייד. די אַנדערע צוויי קומען פון גריכנלאַנד. ער פאַרשטייט נישט, דער האָלענדער, זייער לשון. עס איז יורין באַקוועם געווען פון דעם אָרט צו זען וואָס אויפן פעלד טוט זיך. דער אויפזעער יאָגט נישט און פאַרווערט נישט צו קוקן. אויך ער אַליין איז נייגעריק צו זען, וואָס דאָ קומט פאָר. מיטאַמאָל איז אָנגעלאָפן אַן אָבערשטורמפירער מיט אַ שאַרפירער. עס פאַלט אַ באַפעל: — אַכטונג! — פון די מענטשן ווערט מאָמענטאַל איין צונויפגעפּרעסטע וואַנט. עס פאַלט ווידער אַ באַפעל: — פרויען, רעכטס! — אין פאַרלויף פון מינוטן זענען געשטאַנען צוויי באַזונ־

דערע מחנות. פרויען באַזונדער און מענער באַזונדער. דער עס־עס־מאַן שרייט, וואַרפט מיט די הענט און די מענער רוקן זיך פונאַנדער, צעשפרייטן זיך איבער אַ גרעסערן שטח. דאָס אייגענע טוען די פרויען. מען שטעלט זיך אין שורות צו פינף אין אַ ריי. די צוויי מחנות. די מענער־מחנה און די פרויען־מחנה שטייען אין דער פאָרם פון אַ ד׳. עס לויפן אַן נאָך עס־עס־לייט. זיי לויפן אַרום די מענטשן, שטופּן און קאָפּען ווער עס שטייט נישט גלייך אין דער ריי. עס זענען אָנגעקומען גרופּעס באַוואָפנטע עס־עס. טייל האַלטן וואָלף־הינט אויף די רימענס. זיי דערלאַנגען די הינט אין די פּיסקעס שטיקלעך צוקער. אַן אָבערשטורמפירער מיט אַ קרומען מויל איז אָנגעלאָפן מיט אַ ווילדן אימפּעט. ווידער אַ באַפעל:

— אַכטונג!

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לערנען ווי אַזוי אויסצוטאָן און אָנצוטאָן דאָס היטל. אַלע האָבן געמוזט גלייך מיט איין צי אַראָפּכאַפּן די היטלען פון די קעפּ. עס האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ שמיץ פון אַ בייטש.

דער אָבערשטורמפירער קערט זיך צו די מענער:

— מיצען אָפּ!

נישט אַלע האָבן גלייך אַראָפּגעצויגן די היטלען. די עס־עס־לייט האָבן זיך צעהירזשעט, באַפוילן אָנטאָן די היטלען און ווידער אויסטאָן. דער אָבערשטורמפירער מיטן קרומען מויל האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט דער בייטש. די באַוואָפנטע גרופּעס און די עס־עס־לייט מיט די הינט האָבן אַרומגערינגלט די מחנה פרויען און קינדער און זיי אָוועקגעפירט פון דעם פעלד. אַנדערע עס־עס־לייט האָבן זיך געשטעלט קעגנאיבער די מענער־רייען און באַפוילן: אויסטאָן די היטלען! אָנטאָן! אַזוי עטלעכע שעה אָן אויפהער.

ב

אַ גאַנצע נאַכט איז יורי מיט אָפענע אויגן געלעגן אויפן געלעגער. אין די אויערן האָבן אים גערוישט די באַפעלן פון אָבערשטורמפירער: „אַכט׳נג! אַכטונג! מיצען אַפּ, מיצען אַוף!" ער האָט אין דמיון געזען היגט אָנגערייצט אויף מענטשן. געהערט פאַרצווייפל־געשרייען פון אָנמאַכט און פחד, וואָס האָבן זיך ווי שאַרפע מעסערס איינגעשניטן אין זיין נשמה — דאָ איז אומקום, אומקום. אין מוח האָבן זיך אים געפּלאָנטערט געדאַנקען ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן פון דעם גיהנום — ער זאָל נאָך אַמאָל גיין אויף נאַכטאַרבעט אין קיך, וואָלט ער זיך אַרויסכאַפּן אין דרויסן און וואָלט געלאָפן צו די דראָטן. ער האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז דער פּלאַן איז נישט אויסצופירן. די דראָטן זענען עלעקטריזירט, אָנרירן זיי איז טויט. און דאָך האָט זיך אין אים דערוועקט אַ האָפענונג, אַז ער וועט קאָנען אַנטלויפן.

דאָס פעלד ווו יורי האָט געאַרבעט איז פול געוואָרן מיט פרישאָנגעקומענע מענטשן. פנימער יונגע, אַלטע. מענטשן הויכוואקסיקע און קליינע ווי ליליפּוטלעך. אַלע אָנגעטאָן אין שמאַטעס, צעקנייטשטע, צעקנאָדערטע רעקלעך, ווי צעפּאַלדעטע טאַפּעטן. יעדעס רעקל ווי פון צוויי שטיקער צוזאַמענגעשטעלט. ביי יעדן רעקל איז איין אַרבל אַ קורצער און דער צווייטער אַ לענגערער פון דער האנט און באָמבלט זיך נאָך ווי ער וואָלט גאָרנישט זיין אָנגעצויגן אויף אַ האַנט. אַנדערע זענען אָנגעטאָן אין רעקלעך אָן קעלנער. די

קלאַפּעס אָפּגעריסן, ווי וועסטן און אויף דער פּלייצע אָנגעשמירט אותיות ק.ל. מען הערט שפּראַכן: דייטש, טשעכיש, יידיש. מענטשן איינגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און אין אַ לענג פון הונדערטער מעטער ציט זיך די ריי. עס־עס־לייט מיט בייטשן אין די הענט טרייבן זיי צו גיין פון איין עק פעלד ביזן צווייטן. נישט פאַרלירן די טרעפּעס, אָנהאַלטן דעם טריט מיטן טעמפּאָ פון אַ צווייטן. אַזוי גייען די אַלע מענטשן פון די צוועלף באַראַקן, וואָס אין דער לינקער זייט פון פעלד, אַזוי גייען די אַלע מענטשן פון די צוועלף באַראַקן, וואָס אין דער רעכטער זייט פון פעלד. מיטאַמאָל ווערט אַ געפּיפּעריי. עס־עס־לייט לויפן אָן ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן און זיי שרייען, ריטשען, שלאָגן די מענטשן מיט בייטשן און שטעקנס. עס ווערט אַ געפּילדער און אַ לויפעריי. איינער פאַרלירט אין לויפן די טרעפּעס, בויגט ער זיך אָן אויפצוהייבן פאַלט איבער אים אַ צווייטער. ביידע ליגן און די מענטשן וואָס ווערן געיאָגט צום לויפן טרעטן איבער זיי.

יורי מיט די אַנדערע דריי זענען צוגעטיילט געוואָרן צו דער „שייסעקאָמאַנדאָ און גערטנעריי”. אַ גאַנצן טאָג שעפּט ער די צואה פון די קלאָזעטן, שיט דאָס אַריין אין אַ קאַסטן מיט צוויי אַרויס־שטאַרצנדיקע ברעטער, וואָס זענען פאַרשניצט אין די עקן און טראָגט דעם קאַסטן אַרויס אויף אַ צעאַקערט פעלד און צעגיסט עס. פון פיר באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט אַרבעט ער ביי דעם עיפּוש, מיסטיקט די צעאַקערטע פעלדער. פון פיר באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט מאַטערט מען דאָ די מענטשן מיט איבונגען: קניען, אויפשטיין, פאַלן, קייקלען זיך, פויזען אויפן בויך, שפּרינגען אויף אַלע פיר און נאָכמאַכן דאָס בילן פון אַ הונט. דאָס עסן — אַ פּיצל ברויט און אַ ביסל זופּ. עס איז שוין נאָך זעקס אָוונט

און די מענטשן ווערן נישט אַריינגעלאָזט אין די בלאָקן. עס רוקט זיך אָן די נאַכט. דורך די גראָע וואָלקנס שווימט אַדורך די לבנה. אין דער לופט טראָגט זיך אַ הילכיקער רוף:

— אַפּעל! אַפּעל!

מען שטעלט זיך, מען פאַרמירט די רייען. עס לויפן אַרום דער בלאָק־עלטסטער, דער שרייבער. מען ציילט איין מאָל, נאָך אַ מאָל.

— אַכטונג!

עס לויפט צו אַן עס־עס־מאַן. אויך ער ציילט. עס שטימט נישט, ציילט מען ווידער. קומט דער אָבערשטורמפירער ציילט אויפסניי. עס דאַכט זיך, אַז דאָס וועט נישט נעמען קיין סוף, ווייל עס זענען דאָ נאָך קאָמענדאַנטן און ווער ווייסט, וואָס זיי קען איינפאַלן.

יורי מיט זיינע אַרבעט־חברים זענען אַריינגעלאָזט געוואָרן אין באַראַק גלייך מיט אַלע. ער האָט באַקומען אַ באַזונדער ווינקל נאָענט צום שטיבל פון בלאָק־עלטסטן, כדי ער זאָל אים האָבן אויפן אויג און נישט לאָזן אים זיך אויסמישן מיט די אַנדערע.

ס'איז פינצטער. מען מוז טאַפּן ווי אַ בלינדער. ביסלעכווייז געוווינט זיך זיין אויג צו צו דער פינצטערניש, און צוזאַמען מיט דעם אָפּשיין פון דער לבנה, וואָס בלייכט אַריין אין באַראַק דורך די שמאָלע שפּאַרע־פענצטערלעך אונטערן דאַך, זעט שוין זיין אויג מענטשן אויף די שטאָקיקע בעטלעך, איינגעקאָרטשעטע, איינגעקנוילטע. מען זעט נישט קיין פּנים. מען הערט נישט קיין קול. יורי קאָן נישט פאַרטראָגן דעם ריח, וואָס טראָגט זיך פון אים. ער דרייט זיך און נאָרעט זיך אויף דעם געלעגער ווי אַ וואָרעם.

— רוהע! — טוט אַ ברום דאָס קול פון בלאָק־עלטסטן.

דער בלאָק־עלטסטער, אַן איין־אויגיקער, שפּאַנט אַהין און צו־ריק איבערן באַראַק. ער קאָנטראָלירט צי מען ליגט אויף דער נאַרע און וואָרנט איין מאָל און נאָך אַ מאָל עס זאָל שטיל זיין:

— רוהע! רוהע!

פון אַ בעטל שאַרט זיך עמעצער אַראָפּ אויפן דיל, איינגעהילט אין דעם קאָץ פון קאָפּ ביז פיס, זעט עס אויס ווי אַ שאָטן. דער בלאָק־עלטסטער מערקט נישט, אַז עס שאַרט זיך ווער צו אים. דער מענטש פויזעט ווי אַ שלאַנג.

— רוהע! — טוט ווידער אַ ברום דאָס קול פון בלאָק־עלטסטן.

אַ רגע איז שטיל. דער בלאָק־עלטסטער שטייט פאַר זיין בײדל. ער באַמערקט דעם מענטשן. עס הערט זיך אַ שושקעריי. עס ווערט שטיל. ווידער אַ שושקעריי. צווישן דעם מענטשן און בלאָק־עלטסטן. יורי טראַכט וועגן דעם פאַרשידנס. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז דער מענטש האָט וואָס געגעבן דעם בלאָק־עלטסטן...

— איך בין קראַנק, הער בלאָק־עלטסטער! קאָן נישט גיין צו דער אַרבעט.

— נישט דערוועגן זיך צו דערמאנען וועגן דעם. פאַר קראַנקע איז אפילו אַ שאָד די קויל. זיי וועלן דיר געבן אַ קאָפּע אונטערן נאָפּל, וועסט פאַלן, און צי דו לעבסט, צי נישט, וועט מען דיך באַ־גראָבן. — הערט מען דאָס שעפּטשען פון בלאָק־עלטסטן.

— כ׳וועל נישט אויסהאַלטן.

— גיי שלאָפן, רוהע! — האָט דער בלאָק־עלטסטער אַ גע־שריי געטאָן.

— פון ערגעץ ווו אויף די פעלדער אין מיידאַנעק הערט זיך דאָס שפּילן פון אַ גראַמאָפאָן, דאָס צימבלען אויף אַ גיטאַרע. יורין

קלעפּן זיך די אויגן, אָבער דער שלאָף קומט נישט. פאַרשידענע מחשבות פּלאָנטערן זיך אים אין מוח — אויפזיין, וואַך־זיין. אין דער צייט פון שלאָף קאָן זיך מאַכן אַ סכנה, און פאַרשלאָפן אַ מעגלעכ־קייט זיך צו ראַטעווען.

מיט איין מאָל — די טויערן ווערן אויפגעפּראַלט. דער אָבער־שטורמפירער אַנטאָן און עס־עס־מענער מיט לייכטנדיקע באַטעריע־לעמפלעך גייען פאַרביי די נאַרעס, ציילן די פיס אויף די געלע־גערס, ציילן ביז ניין, און דעם צענטן גיבן זיי אַ שמיץ מיט דער בייטש, ער זאָל אויפשטיין. עס דויערט אָבער ביז דער אויסגעמאַ־טערטער, קראַנקער גוף קייקלט זיך אַראָפּ פון דעם געלעגער, קומט אונטער דער שאַרפירער און לייגט אים צו עטלעכע שמיץ. די אויס־געקליבענע שטייען אַלע די קעפּ זעלנער־יש אויפגעהויבן, אַזוי מוז מען שטיין, און די אויגן קלעפּן זיך פון שלאָף. דער אָבערשטורמפי־רער אנטאָן באַפעלט זיי נעמען זיך פאַר די הענט און פאַרנוויז ציען איינער דעם צווייטן. זיי האָבן אָבער נישט קיין כוח צו האַלטן זיך אויף די פיס און פאלן אום. די עס־עס־לייט קאָפּען זיי מיט זייערע שטיוואלעס, גופים קנוילן זיך אין ווייטיק.

יורי האָט פון זיין בעטל געקוקט אויף דעם אַלעם. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיין אומבאַהאָלפנקייט, פאַר זיין אָנמאַכט. ער האָט זיך איבערגעדעקט מיט דעם קאָץ. זיינע לעפצן האָבן געמורמלט — — אסתרל מיינע, ווען איך דיך נאָך זען? איך מוז און וועל דיך זען...

ג

נישט דאָס קרייען פון האָן, נישט דאָס אויסלעשן זיך פון לעצטן שטערן אויפן הימל, נאָר אַ קלאַפּערײַ אויף בלעך, האָט אויף־מיידאַנעק געשטעלט דעם טאָג.

— אַאופשטיין!

עס ווערט אַ גערודער. מען פאַרעכט די בעטן. מען גלייכט אויס די קאָצן. פיר באַגינען קומען אין באַראַק אַריין די עס־עס־לייט.

— אַפּעל! אַפּעל!

אַ געדראַנג און שטופעניש. קיינער טאָר נישט בלייבן אין באַראַק, אַלע מוזן זיך אויסשטעלן צו פינף אין אַ ריי. אויפן פעלד אַ ביטערע קעלט. יורי און די אַנדערע אַרבעטער פון דער „שייסע־קאָמאַנדאָ" וואַרטן אויף זייער אויפזער, וואָס דאַרף זיי נעמען צו דער אַרבעט, אָבער מען זעט אים נישט. יורי שטעלט זיך צום אַפּעל. עס פאַרמירן זיך די רייען און ער רוקט זיך הינטערווײַלעכץ, כדי נישט צו זיין פון די ערשטע. אפשר וועט דאָך אָנקומען דער אויפ־זעער זיינער. מענטשן האַלטן זיך קוים אויף די פיס. אָט האַלט מען איינעם אונטער מען זאָל נישט זען זיין וואַקלען זיך. מענטשן טראָגן די טרעפּעס אין די הענט, נישט געקאָנט אַרויפציען זיי אויף די גע־שוואָלענע פיס. אויך פאַר אַנדערע בלאָקן קומט פאָר דער אַפּעל. יורי קוקט זיך אַרום אַ פאַרפלעפטער.

— נישט טראַכטן! — טוט יורין ווער אַ שטויס און לויפט ווייטער.

פון באַראַק ווערן אַרויסגעטראָגן טויטע. אַלע, אַלע דאַרפן געציילט ווערן... די רייען זענען שוין פאַרמירט; מען הייבט אָן צו

ציילן. דער בלאָק־עלטסטער לויפט פון איין זייט, דער שרייבער — פון דער צווייטער זייט. איינער שטייט נישט גלייך קריגט ער אַ וויש מיט דער בייטש. מען ציילט איין מאָל און נאָך אַ מאָל. ביידע ציילן אַזוי לאַנג ביז די צאָלן ביי ביידן שטימען.

— אַכטונג !

ס׳קומען אָן דער אָבערשטורמפירער און די העלפערס, די שאַרפירער. עס קומט אַ באַפעל אַראָפּצונעמען די היטלען. אַלע ווי איינער מוזן דאָס גלייך מאַכן מיט איין באַוועגונג, אַז נישט גייט איבער נאָך אַמאָל די אייגענע קאָמאַנדע.

— מיצען אָפּ !

דער אָבערשטורמפירער נעמט איבער די אָפּגעציילטע, אויפ־סניי. עס שטימט נישט, גיבן זיך אַ לאָז זיינע באַהעלפער, די שאַרפי־רער, און מען הייבט ווידער אָן ציילן, יעדעס פינפטל באַזונדער, דערביי לאָזט מען זיך וווילגיין מיט די בייטשן איבער קעפּ, פּנימער און פּלייצעס. איין יונגערמאַן האָט אָנגעכאַפּט די בייטש און זיך נישט געלאָזט שלאָגן האָט אים דער עס־עס־מאַן אַרויסגעוואָרפן פון דער ריי און געשטעלט אין אַ זייט.

דער יונגערמאַן, אַ הויכער מיט אַ פיין געשניצטן פּנים איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך ווי אַ סטאַטוע.

— זאָנדערבאַהאַנדלונג ! — האָט דער אָבערשטורמפירער אַ ריטשע געטאָן. .

אַלע האָבן געוווּסט דעם באַטייט פון זאָנדערבאַהאַנדלונג, אַז ער וועט געשמיסן ווערן מיט 25 שמיץ. פּאַר אַלעמענס אויגן וועט מען אים שמייסן. עס זענען געקומען באַפעלן : אָנצוטאָן די היטלען.

— מיצען אויף !

— עסען האָלען !

ווידער האָט זיך צעטראָגן אַ טשלאַפּעריי פון די טרעפּעס. דער יונגערמאַן, אונטער אַ באַוואָפנטער עס־עס־וואַך, איז אַוועקגעפירט געוואָרן פון דעם פעלד.

יורי און די אַנדערע וואַרטן אויף זייער אויפזעער. ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט. נאָך נישטאָ קיין באַפעל וואָס צו טאָן. צו יורין פאַלט צו דער וואָס האָט אים שוין איין מאָל געמונטערט נישט צו טראַכטן:

— ווען זיי זעען דיך אַ פאַרטראַכטן באַקומסטו שמיץ — האָט ער געגוואָרנט יורין און נעמט זיך גלייך דערציילן ווי אַזוי ער איז דאָ אַהער געבראַכט געוואָרן — „זיי האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז איך פאָר אויף מיזרח און געהייסן מיטנעמען אַלע מיינע דענטיסטישע אינסטרומענטן. מען דאַרף העלפן געווינען דעם קריג, האָבן זיי מיר אויפגעקלערט, מוז מען מאָביליזירן אַלע כוחות, אויך ציווילע, באַזונדערס פאַכמענער. מען האָט פאַרלאַנגט כ׳זאָל מיטנעמען מיין פרוי און קינד, האָב איך געגלייבט. שוין אין מיטן וועג האָב איך דערפילט, אַז מען האָט מיך אָפּגענאַרט. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. אַנטלויפן און איבערלאָזן פרוי און קינד האָב איך נישט געקאָנט. כ׳האָב געדענקט, אַז כ׳וועל קומען אויפן פלאַץ, וועל איך דעצידירן וואָס צו טאָן.

יורי האָט דערהערט דעם פייף פון זיין אויפזעער. ער און די אַנדערע פון זיין קאָמאַנדע האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

איבערן פעלד האָט זיך צעטראָגן אַ באַפעל:

— אַכטונג! אַכטונג!

עס איז געלאָפן דער בלאָק־עלטסטער, די עס־עס־לייט. אַלע אויפן פעלד האָבן זיך געשטעלט צו פינף אין אַ ריי. די לאַנגע קייט

מענטשן האָט מיט איין מאָל גענומען מאַרשירן, זיך געדרייט זיג־זאַגיק.

— טאַנצן! — הערט זיך אַ באַפעל פון קאָמענדאַנט.

הונדערטער קערפּער, אַלע ווי איינער שפּרינגען, האָפּסן, בויגן זיך צו דער ערד און גלייכן זיך אויס. איבער זייערע קעפּ סוויסטשען די בייטשן פון די עס־עס־לייט און אַרבעטספירער. ווידער קומט אַ באַפעל — און מענטשן קריכן ווי זשאַבעס, קניען, קייקלען זיך, שטייען אויף און פאַלן, שפּרינגען איינער איבער דעם צווייטן.

אויפן פעלד האָבן זיך באַוויזן גרעסערע גרופּעס עס־עס־לייט. די שיפּל־היטלעך אויפן האַלבן שטערן מיט בייטשן אין די הענט. מיט רעש און פייפעריי לויפן זיי איבערן פעלד און שרייען צו די געמאַטערטע:

— אויף! אַפּ! אויף! אַפּ! פאַרמירן!

און ווידער: אויף! אַפּ! אויף! אַפּ!

מיטאָג־צייט האָט דער דענטיסט ווידער זיך צוגערוקט צו יורין און ווייטער דערציילט:

— מיט מיינע ערשטע טריט פון צוג אַראָפּ, האָב איך געזען, אַז איך בין פאַרפירט. כ׳האָב אָבער נישט געגלויבט, אַז מען פירט מיך אין אַזאַ גיהנום אַריין. כ׳האָב געמיינט, אַז איך וועל זיין אין אַ שטאָט, קאָנען אַרבעטן אין מיין פאַך. כ׳בין אַזוי נאַיוו געווען, געגלויבט, וואָס מען האָט מיר געזאָגט. איך האָב אַפילו שפּיל־צייג פאַר מיין יינגעלע געבּרענגט מיט זיך. דאָס שענסטע און בעס־טע, וואָס איך האָב פאַרמאָגט מיטגענומען. איצט בין איך אָפּגע־שונדן ווי אַ רינד, נאַקעט און באָרוועס. זיי האָבן אויך דעם פּשוטן האַנט־זייגער צוגענומען. צוערשט האָבן די שרייבער פאַרזיכערט, אַז אַלע זאַכן מיינע בלייבן אין דעפּאָזיט, און איך וועל באַקומען

אַ צעטל אויף די אָפּגעגעבענע זאַכן. ווער צעטל, ווו צעטל? איני־גאַנצן האָבן זיי מיך דערשלאָגן מיטן אַוועקנעמען פון מיר מיין פרוי און קינד. ווער ווייסט ווו זיי זענען. צי איז די פרוי צוזאַמען מיטן קינד? דאָ הערט זיך דאָך נישט קיין קינדיש קול!... דאָ איז אומקום. דאָ איז טויט. זיי מויטן נישט בלויז דעם גוף, נאָר אויך די נשמה. דאָס לעבן אונדזערס איז הפקר. און דו? ווי אַזוי און פון וואַנען קומסטו אַהער?

אַ פייפעריי און געשרייען.

יורי האָט אים ווידער שטיין געלאָזט און אַוועק צו דער אַר־בעט, רייניקן דעם קלאָזעט. דער אויפזעער איז אויפגערעגט, ביילט די פויסטן און שעלט, צי קאָן ער נישט צוזען וואָס די עס־עס־לייט זיינע טוען דאָ אָפּ, ווער ווייסט? ער איז איבערגעגאַנגען, יורי, אין אַן אַנדער אָרט, נאָענט צום צווייטן פעלד. אויך דאָרט איבונגען; מענטשן קאָלערן שטיינער, ריזיקע שטיינער. מען קייקלט צו צום אָנגעוויזענעם אָרט און מען קייקלט צוריק, אַזוי פון פרימאָרגן ביז אָוונט, ביז עס צעצינדן זיך די רעפלעקטאָרן אויף די טורעמלעך.

ד

היינט איז געקומען דער אויפזעער נעמען יורין צו דער אַר־בעט פריער ווי אַלע טאָג. יורי האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז עפּעס געשען, דער אויפזעער איז דענערווירט, צעשויבערט, אויפגערעגט. דער האָלענדער, יוליוס היינריך און די פון גריכנלאַנד האָבן מיט

שרעק אין די אויגן געקוקט איינער אויפן אַנדערן. יורין איז באַפאַלן אַ מורא, אַז דאָס מאָל נעמט ער זיי צום אָבערשטורמפירער טומאַן, דאָס באַטייט, אַז זיי ווערן אַוועקגעשיקט פון דער קאָמאַנדע, און ווער ווייסט צי וועט מען נישט מוזן דורכמאַכן די גאָר שווערע איבונגען.

מען לאָזט זיי אַרויס דורך אַ שמאָלן טויער. זיי גייען אויף אַ זאַמדיקן וועג, ביז צו אַ צווייטן טויער. פאַר זייערע אויגן אַ ברייטער פעלד־שטח. די אייגענע מרהשחורהדיקע באַראַקן ווי דאָרטן אויף יענעם פעלד. דער גאַנצער פלאַץ באַזעצט מיט אָקערשט אָנגעקומענע מענטשן. אַ וואַלד מיט מענטשן אין היטלען, אין קאַפּעלושן. אין מיטן פלאַץ שטייט אָבערשטורמפירער טומאַן. זיינע גרינע צאָרנדיקע אויגן וואַרפן אָן אַ פּחד. ער רעדט צו די מענטשן, זיי זאָלן גיין נעמען אַ באָד. נאָכדעם וועלן זיי באַקומען פרישע קליידער, אַרבעטס־קליידער. ער פאָדערט אויף אַוועקצוגעבן די געלטער און צירונג אין דעפּאָזיט.

נאָך אַ פּאָר מינוט האָט שוין טומאַן גערעדט מיט אַן אַנדערן טאָן — ווער עס וועט נישט אָפּגעבן די געלטער, אָדער ווערטזאַכן, וועט דערשאָסן ווערן!

די מענטשן זענען געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. יורי האָט געמוזט אַ ביסל זיך דערוויטערן. דער אויפזעער האָט געיאָגט. יורי האָט נאָך אַמאָל אַ בליק געטאָן צו דעם פעלד מיט מענטשן, זייער זיצן האָט אים אויסגעזען ווי דאָס פעלד וואָלט באַשיט געווען מיט שוואָמען. מיטאַמאָל האָט איינער מיט אַ ברייט צעקודלטן קאָפּ־האָר זיך אויפגעשטעלט. ער האָט געטייטלט אויף יורין, און די אַנדערע, וואָס האָבן גערייניקט דאָס פעלד. פנימער האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אים. מען האָט געפאָכעט צו אים מיט הענט, געהויבן די היטלען, גערופן צו אים. ער האָט נישט געקאָנט

ענטפערן. דער אויפזועער האָט עפּעס געבורטשעט אונטער די וואָנ־צעס, געיאָגט די אַרבעט. .

יורי האָט באַמערקט, אַז תמיד ווען מען ברענגט נייע מענטשן שיקט מען אים אַרבעטן אויפן פעלד.

יורי האָט צונויפגעזאַמלט מיסט און אָנגעטראָגן אין אַ קופּע. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צום פּלאַץ אָנצוקוקן פון דער נאָענט די ניי־אָנגעקומענע מענטשן, אָבער ער האָט קיינעם נישט געזען, האָט ער אין שטוינונג געפרעגט יוליוס היינריכן:

— זענען דען אַלע אין באָד? קאָן די באָד אַריינעמען אַזוי פיל מענטשן?

— פון איין זייט גייט מען אַריין, פון אַ צווייטער זייט גייט מען אַרויס.

יורין איז דער ענטפער נישט געפעלן. ער האָט דערקענט אין היינריכס קול, אַז ער ווייסט עפּעס מער, נאָר ער זאָגט נישט, האָט ער ווידער אַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— און נאָך דעם אַרויסגאַנג פון דער צווייטער זייט וווהין פירט מען די מענטשן?

— מען פירט זיי נישט.

— וואָס הייסט?

קיין ענטפער איז נישט געקומען.

אין אָוונט, אַז יורי איז געלעגן לעבן היינריכן, האָט היינריך אים אַ ציַ געטאָן צו זיך, געזאָגט אים אויפן אויער: — די באָד, פון וווּ מען זעט נישט אַרויסקומען מענטשן צוריק, איז קיין באָד נישט, מען פאַרגאַזט זיי, די מענטשן, די גופים ווערן דורך דער צווייטער זייט טויער אַרויפגעשליידערט אויף מאַשינען און אַוועק־געפירט צו די גריבער. ער, היינריך, האָט אַליין געאַרבעט ביים גראָבן די ראָוועס.

אַ גאַנצע נאַכט איז יורי נישט געשלאָפן. ער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער, ווי ער וואָלט ווייטיקן פון אַ צרעת. ער האָט געהאַט פאַרדראָס אויף היינריכן, וואָס ער האָט אים דאָס פריער נישט געזאָגט, דערציילט, ער וואָלט געשריגן צו די מענטשן, אַז זיי זאָלן נישט גיין אין באַד אַריין, און ער דערמאנט זיך, אַז ווען די מענטשן האָבן אים דערזען, איז צווישן זיי געוואָרן אַ שושקעריי פון אויער צו אויער, אַז דאָס האָבן זיי זיך געשושקעט וועגן אים. תמיד ווען עס קומט אַ נייער טראַנספּאָרט מענטשן שיקט מען אים אַר־בעטן אויף דעם פעלד. מען דאַרף אים דאָ האָבן, און ווידער איז אים געקומען דער געדאַנק, אַז ער ווערט דאָ אויסגענוצט, כדי צו פאַרנאַרן די ניי־געקומענע. אַ ציטער איז אים אַדורך איבערן לייב. ער האָט היינריכן אַ שטאָרכע געטאָן. היינריך איז אויך נישט געשלאָפן.

די נאַכט האָט יורי זיך אָפּגעשמועסט מיט היינריכן, אַז זיי זאָלן זיך העלפן איינער דעם צווייטן, זיי זאָלן צוזאַמען זיך פאַרנע־מען צום אַנטלויפן. היינריך האָט אים דערציילט ווי עס זעט אויס דער וועג צו די ראָוועס, אַז פון דאָרט איז פאַראַן אַ פריי פעלד — זאָלן מיר נאָר קומען דאָרט... האָט היינריך געזאָגט און אַ דערמו־טיקטער אים אַרומגעכאַפּט.

עס איז נאָך געווען אַ פּאָר שעה צום אויפשטיין. יורין האָט נישט אָפּגעלאָזט דער געדאנק וועגן אַנטלויפן. מיט פאַרמאַכטע אויגן איז ער געלעגן, געטרוימט. ער האָט איינגעזען אין היינריכן אַ מלאך, וואָס פירט אים אַרויס פון דעם מיידאַנעק־גיהנום. אָט זעט ער דעם וועג צו די ראָוועס, וועלכע היינריך קען; דאָס פעלד צו די דראָט־פאַרצוימונגען. עס האָט זיך אים אויפגעמישט הערשלס דערציילן

ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפֿן פֿון בעלזשעץ, ווי ער האָט אָפּגעריסן די אַרבל פֿון רעקל, אָנגעשאָטן זיי מיט ערד און אונטערגעשטעלט אַרונטער די דראָטן, אַזוי אַרום זיי אויפֿגעהויבן ער זאָל זיך נישט אָנרירן אין זיי. אָט זעט ער זיך מיט היינריכן, זיי ליגן באַהאַלטן אין אַ ווינקל. עס איז שוין גוט טונקל. אַלע זענען שוין אין באַראַק. זיי ציען זיך אויף דער ערד. עס איז שטיל אַרום די באַראַקן. מען זעט נישט קיינעם. מען הערט נישט קיין טריט. זיי פּויזען אויף די בייכער, ווי שלאַנגען. זיי גראָבן אונטער די שטעכלדראָטן. אָט ליגט ער אין אַ גרוב, ער פּויזעט שוין מיט אַ האַלבן גוף אַריבער די שטעכלדראָטן. אָט רוקט ער זיך מער און מער אַריבער אויף דער צווייטער זייט — שוין אַרויס פֿון דעם מיידאַנעק, אָבער נאָך אין געפֿאַר געכאַפּט צו ווערן. אַ פֿינצטערע נאַכט. אַ קאַלט פּראָסטיק ווינטל נעמט דורך די ביינער. שטיל אַרום. ער ליגט אויסגעצויגן און רוקט זיך פֿאַרויס. אַ רגע בלייבט ער ליגן. הערט זיך אײן אין יעדן בלאָז פֿון ווינטל. ער ווייסט, אַז יוליוס היינריך דאַרף זיין דאָ נאָענט, אָבער ער הערט אים נישט. ער ווייסט נישט, ווו ער איז. ער האָט מורא זיך אַ ריר צו טאָן פֿון אָרט און פּרוּוון אים זוכן. אַ מאָטאָציקל פֿליט דורך. דער רויש ציטערט לאַנגע רגעס אין דער לופֿט. אוודאי נאָענט דער שאָסיי. אָט הייבט ער אויף דעם קאָפּ. שנירלעך רויך שלענגלען זיך פֿון די קוימענס. הייזקעס אין האָריזאָנט. אַ רייבעריי פֿון רעדער. אויפֿן וועג, אַ פּויעריש פֿורל. ער זעט נישט היינריכן. ער שאַרט זיך צו עפּעס אַ באַרג. פּרוּווט זיך אויפֿשטעלן. ער זעט אַ האַנט פֿאַכעט צו אים — היינריך! ער גיט אים אַ צייכן — פֿאַרויס! ער שאַרט זיך. עס שאַרעט זיך אויף טאָג. דער הימל פֿאַרצויגן מיט קליינע, שיטערע וואָלקנדלעך. דאָס וואָס עס האָט אים אויסגעזען אַ באַרג איז אַ סטויג שטרוי...

אָט פֿילט ער אַ קלאַפּ איבערן לייב און נאָך איינעם איבער די

פיס. ער זעצט זיך הא̇סטיק אויף — דער בלא̇ק־עלטסטער שטייט. ער האַלט אויפגעהויבן די בייטש ווידער אים צו שלאָגן. אין אויגנ־בליק דערכאַפּט יורי, אַז פון אַלע נאַרעס שאַרן זיך אַראָפּ די העפט־לינגען. עס איז שוין דער רוף צום אַפּעל און ער לאָזט זיך שנעל אַראָפּ פון דער נאַרע. ער האָט אויפגעזוכט היינריכן, אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט אים נישט געוועקט? היינריך האָט אים דערציילט, אַז ער האָט אים געריסן אויפצושטיין. ער האָט געזען, אַז ער רירט זיך נישט, האָט ער מורא געקריגן צי ער איז נישט אויסגעגאַנגען, לעבט שוין נישט.

ה

דעם טאָג איז אָנגעקומען אַ פרישער טראַנספּאָרט העפטלינ־גען. יורי און היינריך זענען נישט גענומען געוואָרן צו דער „שייסע־קאָמאַנדאָ”. גלייך מיט די אַנדערע פון דעם באַראַק טרייבט מען אים אויף איבונגען. די עס־עס־לייט שלאָגן מיט די בייטשן איבער די פּלייצעס, איבער די קעפּ. ער האָט געקראָגן עטלעכע שמיץ, איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. ער האָט געמיינט, אַז ער פאַלט אין חלשות.

ס'איז מיטאָג־פּויזע. ער דרייט זיך, יורי, מיט היינריכן אויפן פּלאַץ, זוכן, קוקן צי וועלן זיי קאָנען אויספירן זייער פאַרנעמען זיך. מיד פון מאַרשירן פילט ער אַ שטעכעניש אין די פיס. זיין לייב אָנגעווייטיקט, שמארצט פון די שמיץ, אָבער שטאַרקט זיך — „אויסהאַלטן! אויסהאַלטן!” הערט ער אַן אינעווייניקסטע שטימע.

יורי האָט קוים אויסגעהאַלטן דעם אָונט־אַפּעל, און ווי נאָר עס האָבן זיך געעפנט די טויערן פון בלאָק, איז ער פון די ערשטע אַריין און זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן בעטל.

אין באַראַק איז פינצטער. ער זעט נישט גאָרנישט, אָבער ביס־לעכוויז געוויינט זיך צו דאָס אויג צו דער פינצטערניש און מיט אָפּשיין פון דער לבנה, וועלכע דרינגט אַדורך מיט אַ בלייך ליכט דורך די קליינע פענצטערלעך, זעט ער דריי מענטשן־שאָטנס אויף די דריי שטאָק נארעס. די מענטשן האָבן זיך נישט אומגעקוקט ווען ער איז אַריינגעקומען. עס איז זיי, הייסט עס, קיין נפקא־מינה נישט צי עס קומט ווער צו, אָדער עס קומט ווער אָפּ. קומען דאָך צו און שטאַרבן אַוועק מענטשן — ווער קוקט זיך אום אויף זיי? נישטאָ, נישטאָ קיין האָפענונג צו קומען ווען ס'איז אַהיים — טראַכט זיך יורי. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז אין אים איז אָפּגעשטאָרבן די ווידערשטאַנד־קראַפט, דער ווילן צו לעבן, און ער איז איצט איינער פון די אַלע, וואָס וואַרטן גלייכגילטיק אויפן טויט, קוקן אויס די קויל, וואָס וועט אַ סוף מאַכן צו זייער גרויליק לעבן. — יאָ, יאָ, דאָס לעבן איז פאַרלוירן! און אפשר אונטערצינדן דעם באַראַק? — בליצט אין אים אויף אַ געדאַנק — אפשר אַזוי אַרום זיך ראַטע־ווען — דער געדאַנק האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

יורי כאַפּט אויף אַ געשפּרעך וועגן אַ פּעניצל ברויט, וואָס איז פאַרבליבן פון איינעם. יענער איז שוין „קאַפּוט" — אָבער דאָס שטיקל ברויט... ער וויל, יורי, אַראָפּגיין פון בעטל צוגיין צו זיי, פאַרטרויען זיי זיין פּלאַן.

— רוהע! — שרייט פון זיין שטיבל דער בלאָק־עלטסטער — רוהע!

צומאָרגנס, באַלד נאָכן אַפּעל, האָבן זיך ווי אַ ווילדער שטור־רעם אַריינגעריסן עס־עס־לייט מיט דעם גרינאויגיקן טומאַן אין דער

שפּיץ. די עס־עס־מענער האָבן זיך געזעצט ביי אויסגעשטעלטע טישלעך. טומאַן אין מיטן, מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די סעלעקציע.

שורות, שורות נאַקעטע לייבער, געלע ווי וואַקס. מען שטייט אין אַ מידיקן שווייגן, אַקסל ביי אַקסל. די אויגן צוגעשפּיזלט צו טומאַנען מיטן פּאַפּיר אין איין האַנט און מיט דער שפּיצרוט אין דער צווייטער האַנט. זייערע אויגן פרעגן: ווער, ווער בלייבט... און ווער גייט... טומאַן הייבט אויף די אויגן. ס'גיבן אַ ציטער די שיידל־קעפּ פון דער ערשטער נאָענטער שורה. טומאַן הייבט אויף זיין שפּיצרוט און ווי אַ דיריגענט אויף זיין פּאָדיום הייבט ער אָן צו פירן רעכטס און לינקס מיטן שפּיצרוט: רעכטס, לינקס, לינקס, לינקס, לינקס, רעכטס...

ו

יורין האָט דאָס מזל צוגעדינט. ער איז אַדורך די סעלעקציע. ער און היינריך מיט נאָך אַ הייפעלע מענטשן זענען געבליבן און צוריק אין דעם געעפנטן באַראַק.

אין דער טונקלקייט פון באַראַק האָט געהערשט אַ גרויזאַמע שטילקייט. אין דרויסן האָט דער ווינט געוואָיעט, געריסן דעם דאַך. דאָס קייטל האָט אַ קלאַפּ געטאָן ביים טויער — קומען זיי ווידער? האָט אַ שוידער אַרומגעכאַפּט אַלעמען. שוין ווידער אַ סעלעקציע!

עליאַש, דער שוואַרצער, ברייטפּלייציקער האָט פּאַר שרעק געקריגן בויך־קראַמפּן. עס דענערווירט אים יעדנס באַוועגונג.

— אָי, איך שטאַרב, ראַטעוועט, נעמט מיך אין שפּיטאָל!

— נאָר נישט אין שפּיטאָל. צוויי קראַנקע, אויף טיפוס און טובערקולאָז אין איין בעט. דער דאָקטאָר גיט נישט קיין רפואה. עטלעכע מאָל אין טאָג פאַלן אַריין עס־עס־לייט. די קראַנקע מוזן אויפשטיין. ווער עס שטייט נישט אויף, דעם אַ קויל אין קאָפּ — וואָרנט אים איינער.

— ווי נאָר דער חולה קומט אַריין, שטעלן זיי אים גלייך אויס אַ טויטשיין. די דאַטן שרייבן זיי צו ווען מען וואַרפט אים אין גרוב אַריין, — דערציילט אַ צווייטער.

אין דרויסן האָט זיך דער ווינט איינגעשטילט. אַ רעגנדל האָט געשפּריצט אויף די שפּאַרע־פענצטערלעך אונטערן דאַך. אַ גאַנצע נאַכט האָט יורי געהערט, אַז אויף דעם פעלד רודערט זיך. מען שרייט. מענטשן גייען. אפנים אַ נייער טראַנספּאָרט.

באַגינען נאָכן אַפּעל, איז יורי מיט נאָך עטלעכע געשיקט געוואָרן אין קיך צו ברענגען די קאַווע. האָט ער געזען, אַז זיין געהער האָט אים נישט גענאַרט — פרישע מענטשן זענען געבראַכט געוואָרן. ער איז נייגעריק צו וויסן פון וואַנען זענען די מענטשן געקומען. ער קאָן אָבער זיך נישט אויסשפּאַנען פונעם וועגעלע מיט די קעסלען, וואָס ער מיט די אַנדערע שלעפּן. דער אויפזעער גייט נאָך און האַלט אין איין יאָגן: גיכער, גיכער. עס ווערט שפּעט!

יורין און נאָך עטלעכע פון זיין גרופּע האָט דער עס־עס־מאַן געשיקט אויף אַן אַנדער פעלד. מען האָט שוין געוווּסט, אַז דאָרט בויט מען אַ הויכן קוימען. צו וואָס פאַר אַ צוועק מען בויט דאָס — האָט מען געמאַכט פאַרשידענע השערות. יורי האָט נישט געוואָלט אַ סך אַריינטראַכטן אין דעם. ער איז צופרידן געווען, וואָס ער ווערט געשטעלט צו אַרבעט. אפשר וועט זיין אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען.

דורך דעם שמאָלן, זאַמדיקן וועג איז יורי מיט דער גרופּע אַרויפגעפירט געוואָרן אויפן 5־טן פעלד. זיין אויער כאַפּט אויף אַ לידל, וואָס קלינגט מיט היימיש לשון פון איינעם אַ באַראַק:

„נאָר אין טרוים קאָן איך מיין היימלאַנד זען.
נאָר אין טרוים קאָן איך מיינע ליבסטע זען.
נאָר אין טרוים בין איך ווידער אין מיין הויז,
אָבער באַלד איז האַלב פינף פרי און אַלץ איז אויס..."

פון באַראַק איז אַרויסגעקומען דער בלאָק־עלטסטער, אַ רויט־פּנימדיקער דייטש, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע באַקנביינער. ער האָט איבערגעציילט די גרופּע און סאַלוטירט פאַר דעם וואַכמאַן. ער האָט אים געמאָלדן, אַז ער נעמט מיט די מענטשן אין זיין בלאָק.

יידישע יונגעלייט האָבן שוין דאָרט געאַרבעט ביים איינלייגן און סאָרטירן קליידער. די יונגעלייט האָבן דערציילט, אַז דאָס זענען די קליידער פון די דערשאָסענע, דערמאָרדעטע יידן.

יורי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען דאָס בילד פון די קרבנות ביי די גריבער. פון יעדן ווינקל האָבן צו אים אַרויסגעקוקט אויגן, אויגן פול מיט צער און טויט־שרעק, אויגן וואָס בעטן און מאָנען.

אין צווייטן באַראַק האָבן געאַרבעט פרויען, יידישע פרויען. יורי האָט געהערט די פרויען זינגען דאָס טרויעריקע ליד — „נאָר אין טרוים קאָן איך מיינע ליבסטע זען..." די יונגעלייט האָבן זיך צערעדט וועגן קוימען, וואָס מען בויט דאָ. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז מען בויט אַ קרעמאַטאָריע און דער קוימען איז פון קרעמאַטאָ־ריע־אויוון. יעדער איינער האָט אַרויסגעזאָגט וואָס דריקט אים אויפן האַרצן.

— אַזאַ קוימען האָב איך געזען אין מיין פעטערס מיל.

— וואָס פאַר אַ נפקא־מינה וואָסער קוימען דאָס וועט זיין. דו, פאַרשטיי איך, ווילסט זען אין דעם אַ סימן, אַז מען בויט, אַז עס הייבט זיך אָן אַ נאָרמאַל לעבן, און אַז דו וועסט נאָך אפשר אַרבעטן אין דער פאַבריק. אָ, ניין, ברודערקע, ניין! פון דאַנען וועלן מיר שוין נישט אַרויס. פריער, אָדער שפּעטער וועלן מיר גיין דעם וועג, וואָס אַלע פאַר אונדז זענען דאָ געגאַנגען...

— הערט אויף, ס׳איז אַזוי אויך גענוג טרויעריק אויף דער נשמה.

— וויפל טעג איז נאָך אונדז פאַרבליבן צו לעבן, יאָטן? — האָט איינער פּלוצעם אַ פרעג געטאָן — צ׳ווייסט נישט, האָ? איך אויך נישט, נאָר וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אַז איך הער די מיידלעך דאָרט זינגען, גיט מיר אַ שניט אין האַרצן. ווער ווייסט? אפשר איז מיין ווייב דאָרט. אפשר מיין שוועסטער... דאָס צעטראָגט מיך ממש.

— דו טראַכסט וועגן שרעקלעכע זאַכן, קלמן. איך בין אַזוי אויך צעבראָכן און דו מיט דיין רעדן צעברעכסט מיך נאָך מער. דו נעמסט פון מיר אַרויס דאָס חיות. איך הער אויף צו גלייבן, אַז מיר וועלן ווען ס׳איז געהאָלפן ווערן.

— נאָר אַ נס קאָן אונדז העלפן. אָבער עס געשעען היינט נישט קיין נסים — די דייטשן האָבן ביי אונדז אין שטאָט געכאַפּט דעם רב, אים געשלאָגן, געפּייניקט, דערביי זיך גערייצט מיט אים: — האָסט דאָך עפּעס אַ גאָט, ווו איז ער? זאָל דיין גאָט דיר העלפן — עס איז אָבער קיין הילף נישט געקומען, נישט געשעען קיין נס.

פון אַ ווינקל אין צווייטן טייל פון באַראַק האָט זיך דערהערט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. אַלע זענען צוגעלאָפן אַ קוק טאָן וואָס עס איז געשעען.

כּאַסקל באַנק איז געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע, געהאַלטן אַ קלייד אין די הענט און געכליפּעט:

— אָזאַ קלייד, פּונקט אַזאַ קלייד האָט מיין מאַמע געטראָגן, עס איז אינגאַנצן ענלעך צו מיין מאַמעס קלייד...

אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

— איך האָב דאָ געזען אַ יאַקעלע, אַ געשטריקטס, העל־גרין יאַקעלע, אַזאַ יאַקעלע האָט מיין קליינע מירעלע געטראָגן. יאָ, מאָרגן וועלן אַנדערע אָנקוקן אונדזערע קליידער.

יורי האָט אָפּגעקליבן פּאַר זיך אַ ווינקל, זיך פאַרשטופּט און געטראַכט וועגן זיין פּלאַן און אַלע זיינע פּרטים ווי אַזוי צו אַנטלויפן.

צומאָרגנס בעתן אַפּעל איז געקומען אַן עס־עס־מאַן מיט צוויי וואַכלייט און האָט אויסגעקליבן יורין, היינריכן מיט נאָך צוויי צענדליק יונגע מענטשן פון דער סאָרטיר־קאָמאַנדאָ. ער האָט געזען, יורי, אַז די איבעריקע קוקן אויף זיי מיט מיטלייד. ער איז אָבער רויק געווען — עס איז גוט — האָט ער זיך געזאָגט, וואָס מען פירט אים ווידער ווו אַוועק — אפשר וועט ער קאָנען זיך פאַרוקן און דאָך פּרוּוון אַנטלויפן — דאָס לעבן איז שוין סיי ווי גאָרנישט ווערט, נישטאָ וואָס אָנצוווערן.

מען האָט זיי געפירט באַרג־אַרויף. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ פּירקאַנטיקן אויוון מיט לעכער ווי אָפענע מיילער. די וואַכלייט האָבן געיאָגט, לאָזנדיק אין גאַנג די קאָלבעס. יורי האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געוואָלט בעסער זיך איינקוקן אין דעם אויוון, אָבער די וואָס זענען געגאַנגען הינטן זענען אַרויף אויף אים און שיער אים נישט אומגעוואָרפן. זיי זענען צוגעקומען צו אַ זאַמדיקן שטח, אַרום אָנגעוואָרפן לאָפּעטעס און ביי דער זייט פעסער סמאָלע. מען האָט זיי אָנגעוויזן זיי זאָלן גראָבן. יעדער האָט אָנגעהויבן אָפּ־

וואַרפן לאַפּעטעס ערד. מיטאַמאָל האָט זיך אַ הויב געטאָן אַ ווינט; שוואַרצע כמאַרעס האָבן פאַרצויגן דעם הימל און עס האָט אַ גאָס געטאָן אַ שלאַקס־רעגן. די וואַכלייט האָבן באַפוילן אָפּצושטעלן דאָס גראָבן. פאַרמירן זיך אין אַ ריי, אָבער נישט רירן זיך פון אָרט.

יורי האָט געקוקט אויף דעם אָרום. ער האָט זיך געהאַלטן ווי אַ דאָמב אָן באַוועגונג. דער רעגן האָט געפּאַטשט אין פּנים און ער האָט זיך קיין קרים נישט געגעבן. יורי האָט געגליבט, אַז דער רעגן קאָן זיין אַ רעטונג פאַר אים, און אַ שטילע תּפילה האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט: ס׳זאָלן זיך עפענען די פענצטער פון הימל און אַ מבול, אַ פאַרפלייצונג זאָל קומען, אפשר וועט דורך דעם קו־מען די ישועה, די אויסלייזונג.

ז

די שפּייכלער פון פריץ פלאגע לאשקעוויטש זענען געשטאַנען אין אַ זייט פון דער באַן־ליניע און זענען דורך די דייטשן פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין באַראַקן און אין וואַרשטאַטן פאַר באַרשטן, האָלץ־סאנדאַלן און קליידונג פאַר די אַרעסטירטע. געאַרבעט האָבן בלויז יידן, צווישן זיי ספּעציאַליסטן, וואָס מען האָט אויסגעקליבן פון פאַרשידענע לאַגערן. די אָנפירונג פון לאַגער האָט פון צייט צו צייט אויסגעבאָרגט אַרבעטער ביי דער פאַרוואַלטונג פון מיידאַנעק. אין אָפּגעצוימטע באַראַקן זענען געווען באַזונדער מענער, באַזונדער פרויען. דאָס יאָגן צו דער אַרבעט איז דאָ געווען מילדער ווי אין

אַנדערע אַרבעטס־לאַגערן — מען האָט נישט געשלאָגן. די אַרבע־טער זענען געווען נישקשהדיק אָנגעטאָן. עס איז דערלויבט געווען מענער זיך צו טרעפן מיט פרויען פון די פרויען־באַראַקן. דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, גאַלעק, האָט זיך באַרימט, אַז ביי אים איז אַ מוסטער־לאַגער.

לעצטנס זענען צוגעקומען נאָך 150 מיידלעך פון מיידאַנעק, צווישן זיי צוויי שוועסטער, ראָזע און אַננע. די מיידלעך האָבן דער־זען אין די באַראַקן נאַרע־בעטלעך צוגעדעקט מיט ווייסע ליילעכער, זענען זיי שטיין געבליבן געפּלעפטע — איז דאָס נישט קיין נאַרע־ריי? זיי האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער און האָבן מיט חידוש געקוקט אויף די פרויען, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום.

— זע נאָר! זיי זענען דאָך אָנגעטאָן ריין און אין פיינע קלייד־לעך — האָט איין מיידל מיט שטוינונג געשעפּטשעט צו אַ צווייטער.

זייער אויג איז שוין אָפּגעוווינט געווען פון זען אַ פרוי אין אַ געפּאַסט קלײדל. עפּעס האָט אויסגעזען זיי מאָדנע פרעמד און פאַרדעכטיק.

צום אָוונט־אַפּעל האָבן זיך געשטעלט אויך די פריש אָנגעקו־מענע 150 מיידלעך. ראָזע און אַננע זענען צוגעטיילט געוואָרן צו דער בלאָק־עלטסטער פרידא אַלעקסאַנדער, אַ הויכע שאַטינקע, אָנגעטאָן אין רייט־הויזן. זי האָט תמיד געהאַלטן אין דער האַנט אַ בייטשרוט. די ערשטע צייט איז זי געווען אַ בייזע שלאַנג, גע־שלאָגן אָן רחמנות מיט דער בייטש. זינט אָבער זי האָט זיך געטראָפן מיטן אינזשעניער לעווין, אַ ייד פון צווייטן באַראַק, וואָס האָט ביי די מיידלעך געהייסן, אַז ער איז פרידעס מאַן, האָט איר באַציונג צו די מיידלעך זיך געביטן. געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. זי האָט אפילו פאַרהיטן פאַר אַ סעלעקציע. צופיל פאַרלאָזן זיך אויף פרידעס

גוטקייט האָבן די מיידלעך נישט געקאָנט — דאָך אַן עלטסטע און מוז אויספירן וואָס מען באַפעלט איר.

אין אָוונט, ווען די מיידלעך זענען געלעגן אויף די נאַרעס, איז פרידע אריינגעקומען אַ קוק געטאָן אויף די ביי־אָנגעקומענע און איז אַוועק. די מיידלעך האָבן זיך פונאַנדערגערעדט. יעדע איינע האָט דערציילט וועגן איר היים; זיך אויסגעוויינטביים דערמאָנען זיך אין זייערע נאָענטע און געליבטע.

ביי די אַרבעטס־טישן האָט מען געמוזט זיצן שטיל. רעדן האָט מען נישט געטאָרט. נאָך ערגער איז געווען ווען אין באַראַק האָט זיך באַוויזן דער עלטסטער שטראוס. ער האָט נישט געגלייבט, אַז מען רעדט נישט בעת דער אַרבעט — פלעגט ער אַרומגיין די אַרבעטס־טישן און ציילן וויפל באַרשטן יעדעס מיידל מאַכט. האָט איינע געמאַכט ווייניקער, האָט ער זיך צעשריגן, אַז נישט אַנדערש זי רעדט בעת דער אַרבעט, פלעגט אַרויסרופן דאָס מיידל און באַ־פוילן איר זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט און אַזוי געלאָזט זי שטיין שעהען לאַנג. לעצטנס איז ער אַריינגעקומען ווען פרידע איז נישט געווען. די מיידלעך האָבן וועגן דעם גערעדט מיט אַ באַזונ־דערן חשד אויף פרידען, אַז זי אַליין וויל נישט יאָגן ביי דער אַר־בעט און יאָגן די אַרבעט מוז מען, טוט זי דאָס דורך דעם שטראוסן. עס זאָל אויך הייסן ביי דעם מאַן אירן, דעם לעווין, אַז זי טוט נישט די מיידלעך קיין שלעכטס. איר כוונה איז נאָר זיך פאַרצושטעלן פאַר אַ גוטער און שיקן שטראוסן ער זאָל אויסגיסן זיין בייז, כדי אָנצושרעקן זיי צו מאַכן די אָנגענומענע צאָל באַרשטן אין פאַרלויף פון טאָג, אָבער ביי דעם מאַן אירן, לעווין, וועט זי זיין גערעכט.

איין מאָל איז שטראוס אַריינגעקומען און פאַרבייגייענדיק די אַרבעטס־טישן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן ראָזען. נאָכן איבער־ציילן די בערשטלעך, וואָס זי האָט געמאַכט, האָט ער זי אַרויסגע־

רופן, אַוועקגעשטעלט זי אין מיטן באַראַק און ביילנדיק די פויסטן האָט ער געשריגן: ווייסטו פאַר וועמען דו אַרבעטסט? — פאַרן זיג פון קריג אַרבעטסטו!

ראָזע איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט מיט אַן אויפגעהויבע־נעם קאָפּ. זי האָט שוין אין מיידאַנעק געוווּסט, אַז ווען מען שטייט פאַר אַן עלטסטן טאָר מען נישט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ. נישט אַרויס־ווייזן קיין שרעק.

שטראוס האָט אויפגעהויבן די בייטש און זיך פאַרמאָסן אויף ראָזען. זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און געקוקט אים גלייך אין די אויגן. ער האָט זיך אָפּגערוקט, געהייסן ראָזען בלייבן שטיין אויף איר אָרט ביז ער וועט צוריקקומען.

די מיידלעך ביי די טישן האָבן זיך מיט שרעק צוגעקוקט צו דער פיינלעכער סצענע. ראָזע איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע און געוואַרט אויף דער שטראָף, וואָס שטראוס גרייט פאַר איר.

אומדערוואַרט פאַר אַלעמען איז פרידע אַריינגעקומען. זי האָט געוווּסט וועגן דעם וואָס דאָ איז געווען. „אַך, דער שווייַן"! — האָט זי אַ מורמל געטאָן, און אַ שמייכל געטאָן ראָזען מיט דעם בייטש־שטעקל, אָבער צו אַלעמענס ווונדער האָט זי ראָזען אָנגענומען ביי דער האַנט, זי צוגעפירט צום טיש און מיט עפּעס אַ מאָדנע ווייכער שטים געזאָגט איר: — זעץ זיך צו דער אַרבעט; ס'וועט דיר גאָר־נישט געשען..

בעתן אָוונט־אַפּעל איז געשען אַזעלכעס, וואָס האָט די מיידלעך אויפגעטרייסלט. עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן 30 מיידלעך און אונטער אַ שטאַרקער באַוואַכונג פון עס־עס־לייט האָט מען זיי אַוועקגעפירט...

ח

שוין די צווייטע נאַכט ווי ראָזע ליגט אויף איר נאַרע־בעטל, דער קאָץ איבערן קאָפּ, און הערט נישט אויף צו וויינען.

— אַנגע, איך פיל, אַז עס קומט אונדזער סוף.

נאַכט. שטיל אין באַראַק. אין דער שטילקייט הערט מען קלאַפּן, מען וואַרפט אָן האָלץ, וואָס עס איז צוגעפירט געוואָרן צו דער קיך דאָרט. עס האָבן זיך דערהערט שווערע טריט. דער לאַגער־שעף גאַלעק איז אַריינגעקומען, דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן באַראַק און באַלייכטנדיק מיט זיין עלעקטריש לעמפל די נאַרעס, האָט ער באַטראַכט די מיידלעך. ער האָט עפּעס פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־בוך — און איז אַוועק. די מיידלעך האָבן שוין נישט געקאָנט איינשלאָפן. גאַלעקס וויזיט אין מיטן דער נאַכט איז אַ שלעכטער סימן. מען האָט געפּרוווט טרעפן וואָס דאָס קאָן באַדייטן. זיי ווייסן, אַז תמיד פאַר אַ גרויליקער געשעעניש קומט ער אין באַראַק.

ראָזע איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער דעפּרעסיע. זי האָט געהאַלטן אין איין וויינען, איז צוגעפאַלן צו אַנגען, ווי זי וואָלט וועלן זיך איינבייסן אין איר.

נאָכן מאָרגן־אַפּעל איז די בלאָק־עלטסטע, פרידע אַלעקסאַנדער ארומגעגאַנגען א צעטראָגענע. זי האָט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו איר, אַרויסגעלאָפן פון באַראַק, און אַריין צוריק. די מיידלעך האָבן געפּרוווט טרעפן: האָט זי זיך צעקריגט מיטן מאַן? אָדער עפּעס איז געשען מיט אים? שפּעטער האָט מען זיך דערוווסט, אַז עס איז ווירקלעך עפּעס געשען אין דעם מענער־באַראַק, וווּ פרידעס מאַן איז געווען. מען האָט אַוועקגענומען די ווערקפירער. נאָך זיי האָט מען אַוועקגענומען אויך די מייסטערס, און

פרידע האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, וואָס עס איז מיט איר מאַן. ערשט אין אָוונט, נאָך דער סעלעקציע, האָט פרידע שוין געוווּסט, אַז איר מאַן איז געבליבן; האָט זי נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך פון אויפרעגונג.

די מיידלעך האָבן דעם אָוונט פריער זיך געלייגט אויף די נאַרעס און זענען שנעל איינגעשלאָפן. אָבער פּלוצעם איז אַריינגעפאַלן שטראוס. ער האָט באַפוילן אויפשטיין... און גיין אין קיך שיילן קאַרטאָפל.

נאָך שטראוסן איז אַריינגעקומען פרידע און אָנגעזאָגט די מיידלעך:

— באַגינען פאָרט דורך אַ מיליטער־עשאַלאָן, מוז מען צו־גרייטן די קאַרטאָפל.

צו שיילן קאַרטאָפל זענען אויך געגומען געוואָרן אַ פּאָר צענדליק מענער, צווישן זיי דער אינזשעניער לעווין, פרידעס מאַן. די מיידלעך און די מענער האָבן זיך געזעצט ביי קופּעס קאַרטאָפל. די געשיילטע אַריינגעוואָרפן אין פעסער, וואָס זענען געשטאַנען ביי יעדער קופּע.

עס איז האַלבע נאַכט. פון די קיך־קעסלען זעצט אַ פאַרע. די עלעקטרישע לעמפּלעך זענען פאַרטונקלט דורך די וואָלקנס פאַרע. מען שיילט, מען שיילט. די אויגן קלעפּן זיך. די קעפּ ווערן שווערער און שווערער. די הענט באַוועגן זיך מעכאַניש. מיטאַמאָל פאַלט אַריין שטראוס. דאָס מאָל מיטן הונט אויף דער סמיטש; ער באַפעלט די מענער צוריקגיין אין די באַראַקן. דער הונט רייסט זיך און שטשי־רעט די ציין.

דעם אינזשעניער לעווין, פרידעס מאַן, איז אַ פּחד באַפאַלן, ווי אַ בלאַט האָט ער געציטערט: סעלעקציע! סעלעקציע! — און האָט זיך קוים נאָכגעשלעפּט נאָך די אַוועקגייענדיקע מענער.

אַז די מענער זענען אַוועק, האָט זיך ווידער באַוויזן שטראוס. דער הונט מיט דער צונג אין דרויסן האָט שווער געסאָפּעט און אָנגעוואָרפן אַ פּחד.

— איינטרעטען — האָט שטראוס באַפוילן די מיידלעך.

באַגינען איז אין מיידל־באַראַק אַריינגעקומען פרידע אַלעק־סאנדער, אָבער שוין אָן דער בייטש אין האַנט. די האָר צעשויבערט, די בלווע צעקנעפּלט ,און די אויגן פול מיט היץ. אַ רגע איז זי גע־בליבן שטיין, נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט — אָנגע־הויבן, געזאָגט: — היינט וועט מען צו דער אַרבעט נישט גיין, ווייל... און אַנידערפאַלן אויף אַ נאַרע־בעטל און באַהאַלטן דאָס פּנים אין קישעלע. די מיידלעך זענען צוגעפאַלן צו איר, אָבער זי האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אירע אַקסלען האָבן געציטערט פון פאַרשטיקטן געוויין.

ראָזע און אַננע האָבן זיך איבערגעקוקט. פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט שרעק — די שרעק פאַר מיידאנעק, פון וואַנען זיי זענען ערשט נישט לאַנג אַרויס; פאַר דעם פינפטן פעלד, פאַר דעם נישט פאַרענדיקטן באַראַק, ווו זיי האָבן סאָרטירט די קליידער פון דערמאָרדעטע. עס ווילט זיך שרייען, וואָרענען די מיידלעך נישט גיין צום טויט! אָבער זיי קאָנען נישט שרייען. די ווערטער ווערן פאַרשטיקט אין קעל, און אַז עס האָט זיך דערהערט דער באַפעל: אַפּעל! האָט פון זייערע העלדזער זיך אַרויסגעריסן אַן אויפ־טרייסלענדיקער געשריי: „מיידלעך, גייט נישט! רירט זיך נישט פון אָרט!" — די מיידלעך האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן אויף די נאַרעס און אַ פיינלעכער געיאָמער האָט זיך געטראָגן איבעם באַראַק. — — — — — — — — — — — — — —

א

יורי איז אַרויס פון מײדאַנעק. ער מיט נאָך העפטלינגען, צו־זאַמען צוויי צענדליק יונגע מענטשן, זענען געפירט געוואָרן מחוץ דעם מײדאַנעק־שטח צו אַן אַרבעט. זיי זענען אַוועקגעשטעלט גע־וואָרן ביי הײזער־חורבות, כדי צו צענעמען די נישט איינגעפאַלענע ציגל־ווענט. מען האָט מיט די הענט געריסן די ציגל, געקלאַפּט מיט אײַזערנע שטאַנגען עס זאָלן זיך צעשיטן די ווענט. עס האָט זיך געהויבן אַ קאַלכיקער שטויב. איינער האָט געזען דעם צווייטן ווי אונטער אַ נעפּל. אויף איין אָרט האָט עפּעס פּלוצים אַ קנאַל געטאָן מיט אַ שטאַרקן אויפרייס. דאָס האָט אויפגעריסן אַ פאַרגע־סענער גראַנאַט, וואָס איז נאָך פון דעם ערשטן מאָל בעתן צעשטערן די הײַזער געבליבן נישט אויפגעריסן. דער אויפרייס האָט אַ הייב געטאָן אַ געדיכטן וואָלקן־שטויב געמישט מיט רויך. יורי האָט גע־זען, אַז עס האָט איינער אַ שפּרונג געטאָן און לויפט, אַט שפּרונגט נאָך איינער און לויפט, האָט ער אויך זיך אַ קער געטאָן פון אָרט און איז געלאָפן, אין אימפּעט געלאָפן. אָט אַ שאָס און אַ געקנאַלעריי פון אויטאָמאַטיש געווער. די שיסעריי איז אָבער נישט אין זיין ריכטונג. — ס׳הייסט, אַז מען האָט זיין לויפן דאָך נישט באַמערקט. עפּעס האָט זיין פוס זיך ווי פאַרטשעפּעט אין וואָס און ער איז אומ־געפאַלן. ער האָט געמיינט, אַז עס האָט אים געטראָפן אַ קויל. ער

האָט זיך אויסגעצויגן באַקוקט דעם פּוס. ער איז נישט פאַרוואונדעט, זיך פאַרטשעפּעט אין אַ וואָרצל פון אַן אונטערגעזעגטן בוים. אָבער ער האָט נישט רעזיגנירט פון ראַטעווען זיך — אַז ער ליגט דאָ, וועט מען אים געפינען — האָט ער זיך געזאָגט. ער האָט זיך גע־קערט מיטן פּנים צו דער ערד, אַריינגעטעמט אין דער ערד מען זאָל נישט הערן זיין אָטעמען. ער איז געלעגן עטלעכע מינוט און נישט געהערט קיין שאָס, קיין טריט, האָט ער גענומען פּויזען אויפן בויך, זיך געצויגן ווייטער און ווייטער. ער האָט נישט געוווּסט די צייט פון טאָג. עס איז עפּעס מיט אַ מאָל כמורנע געוואָרן, האָט ער מורא געקראָגן, אַז אָט פאַלט צו דער אָוונט, די מענטשן וועלן באַלד צוריקגעפירט ווערן אין לאַגער מיידאַנעק, עס וועט באַלד פאַרקומען דער אַפּעל און מען וועט זען, אַז ער פעלט. מען וועט אַרויסלויפן מיט שפּיר־הינט אים צו זוכן. די הינט וועלן אים צערייסן. ער האָט זיך געקאָלערט, געדראַפּעט מיט די פינגער, מיט די נעגל ווי אַ זשוק, וואָס וויל זיך אָפּרייסן פון אַ קלעבעכץ. יורי האָט זיך איבערגעקערט מיטן פּנים אַרויף, מינוטן אַזוי געלעגן, זיך איינגע־קוקט אין דעם פאַרכמאַרעטן הימל. ער האָט זיך באַמיט אָריענטירן אין וועלכער ריכטונג ער געפינט זיך און ווו ער דאַרף זיך קערן, כדי ווייטער צו לויפן. ער האָט מורא געהאַט אויפצוהייבן דעם קאָפּ, באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן ביז עס וועט טונקל ווערן און מיט אַן אָפן מויל איינגעטעמט אין זיך זאַפטיקע פעלד־ריחות. ער האָט זיך אַ קער געטאָן, ווידער געפּויזעט פאָרויס, פאָרויס און זיך אַריינגע־דרייט אין אַ פעלד מיט הויכע תבואה־זאַנגען — „דו ביסט פריי, דו ביסט פריי" — האָבן צו אים געשורשעט די זאַנגען און געסווי־טשעט די פייגל. ער האָט דערהערט אַ זשומען פון אַ מאָטאָר. אַ מאַשין איז דאָ נישט ווייט דורכגעפאָרן. ער האָט אַ ציטער גע־טאָן — ניין, נאָך נישט, איך בין נאָך נישט פריי. נאָך לויערט אויף

מיר דער טויט. ער האָט אָפּגעריסן עטלעכע זאַנגען, זיי צעריבן אויף דער האַנט, געגומען אין מויל די ווייכע, מילכיקע קערנדלעך.

ס'האָט אָנגעיאָגט אַ שטאַרקער ווינט און עס איז אַראָפּ אַ רעגן. יורי איז געבליבן ליגן שטייף אין אָנמאַכט. ער האָט געשלונגען די טראָפּנס רעגן. ער האָט שוין נישט מורא געהאַט געכאַפּט צו ווערן דורך די שפּיר־הינט, אַז מען האָט ביז איצט נישט אַרויסגעשיקט די שפּיר־הינט, ווייסט מען נאָך נישט, אַז ער פעלט, אַז ער, יורי איז נישטאָ ביי דער אַרבעט. דער געדאַנק האָט אים געבערענגט אַ ביסל באַרויקונג. אָבער ליגן דאָ אין פעלד טאָר ער נישט — האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט זיך צו רוקן פאָרויס. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט געזען, אַז ער קאָן דורך דעם פעלד צוקומען צום בית־הקברות און ער האָט גענומען גיך־גיך שאַרן זיך. עס איז נאָך מער טונקעלער געוואָרן. דער הימל האָט געגאָסן מיט צעבערס רעגן. יורי האָט גענומען לויפן געבויגענערהייט. ער איז צוגעקומען צום פלויט פון בית־עלמין. ער האָט זיך אַריבערגעקריגן אויפן בית־עלמין־שטח. אַ דערשעפּטער, אָן כוחות איז ער געפאַלן. אָפּגעלעגן עטלעכע מינוט, ווידער דערפילט אין זיך כוח, האָט ער אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די לאַגער־בלוזע. ער האָט מיט די ציין אָפּגעריסן דעם אַרעסטאַנטסקע נומער זיינעם. ער האָט מיט די הענט געריבן די אויפגעמאָלענע אותיות ק.ל. וואָס אויף דער פּלייצע פון דער בלוזע. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעריבן, האָט ער די בלוזע איינגעגראָבן אין בלאָטע, צונויפגעשאַרט אַ בערגל ערד און פאַרשיט די בלוזע, ווי עס וואָלט אויף דעם אָרט זיין אַ קבר. יורי איז געבליבן אָן עפּעס אויפן לייב, דאָך איז אים נישט קאַלט געווען. ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ ווי פון אַ מענטשנס באַוועגונג. דאָס האָט אַ צווייג אויף אַ בוים זיך איינגעבראָכן. יורי האָט זיך אויפגעהויבן און מיט שפּרונגענדיקע טריט איז ער אַריין אין מתים־שטיבל.

גראָד איז דאָרט געווען יאָסל דער קברן, ער האָט נישט לאַנג צוריק מקבר געווען אַ מת און צוליבן רעגן איז ער נאָך נישט אַוועק אַהיים. יורי האָט אים באַלד געזאָגט ווער ער איז, — ער דאַרף זיך ראַטעווען.

— ביסט נאַקעט און ציטערסט פאַר קעלט — האָט יאָסל געזאָגט. ער האָט געכאַפּט די טוך מיט וועלכער ער דעקט צו אַ מת, ווען מען פירט אים פון טהרה־שטיבל צו קבורה, און זי אַרויפגעוואָרפן אויף יורין. ער האָט געפרעגט פון וואַנען ער קומט. יורי האָט אים געבעטן ער זאָל נישט רעדן, ער זאָל נישט פאַרנעמען קיין צייט מיט פרעגן, ער זאָל לויפן צו אים אַהיים און עס זאָל ווער קומען אַהער צו אים. מען זאָל ברענגען פאַר אים אָנטאָן.. ער האָט נאָך אַמאָל געבעטן יאָסלען, ער זאָל שוין לויפן, כל־זמן עס איז נאָך נישט נאַכט.

יאָסל איז אַוועק.

יורי איז געווען דערשעפּט. ערשט איצט האָט ער נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. ער האָט געוואָלט זיך לייגן און נישט געהאַט ווו. די פּאָדלאָגע איז געווען נאַס. דאָ נישט לאַנג האָט מען מטהר געווען אַ מת. יורי האָט זיך געזעצט און מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. ער האָט געפילט, אַז די אָדערן ביי די שלייפן צוקן אים, ווי אָט פּלאַצן זיי. ער האָט דעם קאָפּ גענומען אין די הענט, ווי ער וואָלט וועלן אָפּשטעלן דעם בלוט־דרוק. דער מוח זיינער האָט איצט געאַרבעט שנעלער ווי אין דער צייט פון געפאַר דערהרגעט צו ווערן — וואָס ווייטער ? — האָט ער זיך געפרעגט. צי קאָן איך אַהיימגיין? צי מעג שרהטשע בלייבן אין שטוב ? מען קאָן דאָך קומען זוכן מיך, יורין. די עס־עס־לייט קאָנען אין יודנראַט זיך דערוויסן מיין היים. זיי קאָנען אַוועקנעמען אַלע פון שטוב, מאַטערן זיי ביז זיי וועלן מוזן זאָגן, ווו איך געפין זיך.

און נאָך איז אים געקומען אויפן געדאַנק — אפשר זאָל זיין שרהטשע פֿאַרמאַכן די שטוב, די וווינונג און אַוועק ווו צו היימישע, אין אַן אַנדערער געגנט? ווּהין וועט גיין צפּורה און הערשל? — איך טאָר נישט אַהיימגיין! — האָבן זיינע ליפּן מיט ציטער גע־פֿליסטערט. ער האָט אויך געטראַכט וועגן יודנראַט, צי מען דאַרף דאָרט וויסן, און ער האָט זיך דערקלערט, אַז מען טאָר אין יודנראַט כלל נישט וויסן, אַז ער איז דאָ. אָבער ווּהין גייט מען? ווו איז זיך אויסצובאַהאַלטן, כאָטש אַ קורצע צייט? — האָט ער ווידער זיך געפֿרעגט — ווו טוט מען זיך אַהין ביז אין מיידאַנעק וועט גע־שטראָכן ווערן מיין נאָמען? דער נומער מיינער! — עס זענען אים געקומען אין געדאַנק פֿאַרשידענע איינפֿאַלן. עס זענען אויפֿגעשווו־מען אים אין זכרון נעמען פֿון היימישע, פֿריינט, באַקאַנטע: אייער־יוויז, די לערער מרדכי, יעקב, עלקע — יאָ, עלקע! — שטעלט זיך אָפּ זיין געדאַנק און ער פֿילט ווי אַ וואַרעמער שטראָם ריזלט אין זיינע אָדערן. ביי איר, ביי עלקען, וועט ער קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן. זיין ביי איר, ווי איר מאַן, וואָס וואָלט צוריקגעקומען פֿון די פֿאַר־נומענע געביטן דורך די סאָוויעטן.

אָט, טריט! זיי דערנענטערן זיך צום שטיבל. עס גייט עמע־צער. אַ קאַלטער ציטער גייט אים אַדורך איבערן לייב — אפשר די עס־עס־לייט? אפשר שוין געקומען אויף די שפּורן ווו איך בין? אפשר שוין דערשנאַפּט! — פֿליסטערט ער און הייבט זיך האַסטיק אויף. ער וואַרפֿט זיך אויפֿן טהרה־ברעט. דעקט זיך איין אין דער שוואַרצער טוך, זאָל מען מיינען, אַז עס ליגט אַ מת און מען וועט זיך נישט צורירן צו אים. די טריט קומען נענטער, טריט ווי פֿון אַ סך מענטשן — אפשר אַ לוויה? — אָט הערט ער יאָסל קברנס קול. ער פֿרעגט — וואָס, ער איז אַוועק? — פֿאַרשטייט יורי, אַז שרהטשע איז דאָ, און ער גיט האַסטיק זיך אַ גליטש אַראָפּ פֿון דעם

משופעדיקן טהרה־ברעט. ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך די טוך. הערשל איז אין דער טיר פון דעם טהרה־שטיבל. זיי האָבן זיך דערזען. איינער איז אַנטקעגן דעם אַנדערן, זיך אַרומגעכאַפּט. שרהטשע איז צו אים צוגעפאַלן מיט דערשטיקט געוויין. הערשל האָט אויפגע־וויקלט דאָס פּעקל מלבושים, וואָס ער האָט געברענגט און יורי האָט שנעל זיך אָנגעטאָן. ער האָט גערעדט שטיל. ער האָט געזאָגט הערשלען און שרהטשען, וואָס עס איז דאָ צו טאָן. ער גייט צו עלקען. יאָסל זאָל נישט דערוועגן פאַר קיין איין מענטש נישט דער־ציילן וועגן אים. הערשל זאָל שוין אריבערגיין צו זאַלצן, ער זאָל עפּעס טאָן, אַז זיין נאָמען זאָל נישט פיגורירן אין דער רשימה אין יודנראַט. נישט אין דער קאַרטאָטעק אין אַרבעטסאַמט.

הערשל און שרהטשע יענען מיט איילעניש אָוועק אַהיים.

נאָך דעם אייגענעם אָוונט האָט זאַלץ שוין געוווּסט וועגן יוריס אַנטלויפן פון מיידאַנעק. ער איז די נאַכט נישט געשלאָפן. ער איז געלעגן וואַך אין מורא, אַז אָט, אָט באַוואַכט די עס־עס דאָס הויז זייערס און קומען זוכן יורין. ער האָט זיך איינגעהערט צי עס טוט זיך עפּעס לעבן הויז, צי מען גייט נישט צו יוריס וווינונג. ער האָט זיך אויפגעהויבן גאָר פרי און איז אַרומגעגאַנגען מיט אַן אָפן מויל, ווי די לופט וואָס ער האָט אַרום זיך, איז אים איצט ווייניק צום אָפּעטעמען. זאַלץ איז אַוועק צו דער אַרבעט אין יודנראַט. ער האָט גוט געדענקט, וואָס שרהטשע האָט ביי אים געבעטן. ער האָט גע־וואָלט טאָן פאַר יורין אַלץ און דאָס בעסטע כדי אים צו ראַטעווען. ער האָט געזען צו טאָן אַלץ אין דער צייט. ער האָט נישט פאַרזען קיין איין פּרט פון פאָרזיכטיקייט. אין אַרבעטסאַמט, ווו ער האָט נישט געקאָנט זיך אָנגעטרויען קיין איין מענטש אין דער אויפגאַבע

זיינער, האָט ער אַליין געטאָן און מיט אַ געפיל ווי ער וואָלט עפּעס אַ געפאַנג אַרויסגעריסן פון לייבס פּיסק. ער האָט זיך פּשוט מוסר־נפש געווען, זאָלק. און ער האָט דעם גאַנצן טאָג נישט געקאָנט איינזיצן ביי דער אַרבעט, איז געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן און מיט איילעניש, ווי ער וואָלט געדאַרפט פאַרברייטן אַ דרינגנדיקע אַרבעט. ער איז מיטן געהער און אויג געווען אָנגעשפּיצט צו הערן, צו זען, צי מען קומט נישט פרעגן אויף יוריק. עס איז נישט געקומען קיין אָנפראַגע.

דאָך איז יורי נישט געקומען אין זיין היים. ער איז געווען ביי עלקען. קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז ער איז דאָ. שרהטשע איז אויך זעלטן געקומען צו אים. זי איז געווען אַזוי פאַרזיכטיק, אַז אַפילו דאָס טעכטערל נישט געפירט צום טאַטן ער זאָל זי זען.

*

יורי איז צוריק אין דער היים. ער האָלט אויפן שויס זיין טעכטערל. הערשל, שרהטשע און צפורה הערן וואָס ער דערציילט זיך אָן וועגן מיידאַנעק. זיי לעבן איבער אַלע פּחדים, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, זינט מען האָט אים אָוועקגענומען פון זיי.

— מיידאַנעק! ווי גנעמט מען ווערטער צו שילדערן דעם טאָל פון טויט? — האָט ער מיט אַ איינגעבראָכענער שטימע גערעדט. מענער, פרויען און קינדער ווערן פאַרפּייניקט מיט די שוידערלעכסטע פּייניקונגען. מענטשן וואַרטן אויפן טויט, ווי אויף אַן אויסלייזונג. הונגער און עפּידעמיעס שניידן זייער בלוטיקן שניט. טאָג־טעגלעך קומען טראַנספּאָרטן און אין משך פון שעהען ווערן זיי אומגעבראַכט. ס׳בלייבן נאָך זיי קופּעס קליידער, שיך און חפצים, וואָס ווערן צערויבט פון די מער־דער. געיאָמער פון מאַמעס ביי וועל־

כע מען רייסט אַוועק די קינדער, טראָגן זיך איבער די פעלדער פון מיידאַנעק, אָבער ווער הערט דעם וויגעשריי? קיינער! קיינער!. — ער רעדט, יורי, מיט אַ פאַרשטיקטער שטים. פון צייט צו צייט רייסט ער איבער, מאַכט צו די אויגן און ווערט אַנטשוויגן. דאָס דויערט נאָר עטלעכע מינוטן. ער עטעמט שווער אָפּ און הייבט ווידער אָן. אַז ער קומט צו שילדערן די סעלעקציעס — הייבט זיין שטים אָן צו ציטערן. ער ברעכט אויס אין אַ געוויין...

עס קומען צו יורין פריינד, שכנים:

— איז אמת, אַז יידן ווערן דאָרט מאסנווייז דערשאָסן, פאַרגאַזט?

— עס זענען געקומען יוריס געוועזענע פאַרטיי־חברים, מענדל און ארקע. זיי האָבן געהאַט מיט אים אַ באַזונדערן שמועס. ער האָט זיך פאַרמאַכט מיט זיי אין שלאָף־צימער און זיי איבערגע־געבן פרטים וועגן דעם מאַסן־מאָרד אין מיידאַנעק. ער האָט זיי דערציילט וועגן טראַנספּאָרט יידן, וואָס האָבן געפּרווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. בעת דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, טומאַן, האָט זיי געהייסן גיין זיך „וואַשן". די יידן זענען געבליבן שטיין, זיך נישט גערירט פון אָרט. טומאַן האָט זיי פאַרזיכערט, אַז זיי וועט נישט געשען קיין שלעכטס, אַז זיי וועלן דאָ אַרבעטן, אָבער איידער זיי גייען אַריין אין באַראַק מוזן זיי נעמען אַ באָד. די מענטשן זענען געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. טומאַן איז אַוועק. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער ווידער געקומען, ווידער אמאָל גערופן די מענטשן אַריינגיין אין באָד. אין דעם מאָמענט האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר פון באָד־צימער, וווּ מענטשן האָבן זיך געוואַשן, גענומען וואַסער פון קראַנען. די יידן פון טראַנספּאָרט האָבן זיך איבערגעקוקט און איינער נאָכן צווייטן זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין באָד־צימער. מער האָט מען זיי שוין נישט געזען...

אין עס־שטוב האָבן געוואָרט מענטשן. מענדל און ארקע זענען אַוועק.

צו הערשלען זענען געקומען יידן און דערציילט: „קריסטן זאָגן, אַז דער דייטש פּרוווט דאָ אויס עפּעס כעמישע מאַטעריאַלן און דער ריח פילט זיך אין דער גאַנצער שטאָט. אין יודנראַט רעדט מען, אַז מען פאַרברענט שמאַטעס פון שפּיטעלער איינגעזאַפּטע מיט מעדיקאַמענטן.

— נישט קיין שמאַטעס! — האָט יורי אַ געשריי געטאָן; נישט קיין שמאַטעס ברענט מען — יידן ברענט מען!

עס איז אַריינגעקומען זאַלץ.

— יורי, עס איז ביטער, זייער ביטער.

— וואָס איז געשען?

דער יודנראַט האָט געקראָגן צוגעשיקט פון דער געשטאַ־פּאָ אַ פּלאַן פון גאַסן אין דער שטאָט.

— נו? איז וואָס?

— מען זאָגט, אַז די דייטשן פּלאַנעווען אַ געטאָ!

מענדל און ארקע האָבן זיך אומגעקערט. יורי איז מיט זיי אַריין אין דער צווייטער שטוב. זיי האָבן אויסגעפרעגט ווייטערדיקע פּרטים וועגן מיידאַנעק.

יורי איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. זיין פּנים האָט געשיינט. ער האָט באַגלייט די חברים צו דער טיר און דריקנדיק זיי די הענט, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: איך מוז מיט־גיין, אָן מיר וועט מען נישט טרעפן דעם וועג.

ב

סוף׳ האַרבסט. יורי איז נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט צוריקגעקימען צו די כוחות. דאָס פּנים זיינס איז אָבער געווען געלער ווי וואַקס. די לופט אין דרויסן איז געווען פייכט. אין דער האַרבסט־פייכקייט האָבן קינדערישע בעקלעך געגלאַנצט ווי אויפגעיוירענע טייגלעך. פרויען און מענער האָבן שוין געטראָגן וואַרעמע מאַנטלען. די קעלט האָט זיך גוט געלאָזט פילן.

זאַלץ איז ווידער אַמאָל געקומען צו יורין. ער איז געווען דערשלאָגן.

מען ווייסט שוין איצט וואָס מיינט דער צוגעשיקטער פּלאַן צום יודנראַט — אַ געטאָ.

— אַ פינצטערניש אויף זיי!

— עס קומט איצט פאַר אַ זיצונג אין יודנראַט. ד״ר אלט וויל נישט זיין מער דער פּרעזעס.

— איך גלייב אים נישט.

— מען זאָגט, אַז ער האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט צו זיין דער פּרעזעס פון ראַט.

— דאָס איז אַן אָנשטעל!

— מען שמועסט, אַז דער אינזשעניער ווערט פּרעזעס. אַ פאַר־אָרדענונג פון די הויכע פענצטער.

— ווער? אָט דער, וואָס טראָגט אַלץ אָפּ דער געשטאַפּאָ!

אַ גאַנצע נאַ.ט האָט געשיט אַ דראָבנער שניי. באַגינען איז יורי אַרויס כאַפּן אַ ביסל לופט. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער זיינע פיס. ווען ער וואָלט געהאַט זיין פעלץ, וואָס שרהטשע האָט

פֿאַרקויפֿט אין דער צייט ווען ער איז געווען אַרעסטירט אין מיידאַ־נעק, וואָלט ער זיך געלאָזט ווייט אַ שפּאַציר טאָן. אַזוי האָט אים אָפּגעפֿרישט דער פֿראָסט. אויף דער גאַס האָט מען נישט געזען קיין מענטש. טיר און טויער פֿאַרהעמערט, פֿאַרקלאַפּט און שטיל ווי אויף אַ בית־עלמין. ער, יורי האָט זיך דערמאָנט דעם נישט וווייטן אַמאָל אין אַזעלכע באַגינענס. אין דער צייט פֿלעגן שוין יידן גיין פֿון ערשטן מנין. זעלדע די צייטונגס־פֿאַרקויפֿערין פֿלעגט צוזינ־גענדיק זיך דאָס לידל: „מיין שטעטעלע בעלז, מיין שטעטעלע בעלז...״ גיין איבערן גאַס און דורך די שפּאַרעס אין די געוועלבער־טירן און וווינונגען אַריינשטופּן די צייטונג. אַ שניי־גולם, וואָס קונדסים האָבן ביינאַכט געמאַכט איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק. קרעמער האָבן אָוועקגעשאַרט דעם שניי פֿון די געוועלבער. פּויערים מיט שליטנס אָנגעלאָדענע מיט תבואה און האָלץ האָבן געצויגן צום מאַרק. און אין מאַרק אַ רעש, אַ טומל. הענדלערקעס — די פּיס צעשפּרייט איבער די פּייער־טעפּ — רופֿן די קונים און שרייען איבער איינע די אַנדערע. קעלבלעך מעקען. פֿערד הירזשען. אַרום דייזשעס סמעטענע און קיישלעך מיט קעז שטייען ווייבער מיט טעפּ און קריגלעך. די שטאָטישע באַלעגאָלעס מיט זייערע אויסגעפּוצטע שליטנס זענען אויס יומטובדיק און דאָס געקלאַנג פֿון די גלעקלעך אויף די געשפּאַנען פֿאַרהילכט די לופֿט.

פֿאַר יוריס אויגן זענען געשטאַנען בילדער פֿון דעם גרויליקן היינט — גירושים, מענטשן פֿאַרטריבענע פֿון זייערע דירות, פּרויען מיט קינדער אויף פּויערישע וועגענער, געשרייען, ריטשערייען פֿון די דייטשן, און אָט הייבט זיך אויף אַ שוואַרצער פֿאַרהאַנג — מיידאַנעק! מאָרגנציילונג, סעלעקציעס, אין די רייען לעבעדיקע צוזאַמען מיט טויטע. אַ שלעפּעריי פֿון טרעפּעס. יידן גייען זייער לעצטן וועג צו די גריבער, צו מאיומדיקע אָפֿענע מיילער. — ער

איז צוגעקומען צום עק גאַס און ווייטער נישט געקאָנט שוין גיין. די גאַס איז געווען אָפּגעשלאָסן.

— געטאָ! — אַ געפיל פון טיפער באַליידיקונג און גרויליקער הילפלאָזיקייט האָט ווי אַן אָנגעגליט אײַזן געברענט זיין נשמה. ער האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן און איז מיט גיכע טריט אַוועק אַהיים.

דעם גאַנצן טאָג איז קיינער פון די שכנים נישט געקומען צו יורין. אין אָוונט איז ווידער געפאַלן אַ געדיכטער שניי. אויף דער גאַס איז פינצטער געווען. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די עלעקטרי אין געטאָ. הערשל האָט אַרויפגעברענגט דעם לאָמטערן פון קעלער און געמאַכט פון אים אַ שטוב־לאָמפּ. דער ווינט האָט געפייפט אין קוימען. אויף די פענצטער זענען אָנגעוואַקסן בערגלעך שניי, און ליגן געבליבן ווי פּוך־קישעלעך. הערשל איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אין צימער, אַרויסלאָזנדיק פון צייט צו צייט אַ טיפן זיפץ.

ג

באַגינען איז שטיל געווען אין געטאָ. ביים אַריינגאַנג־צוים אין געטאָ דרייען זיך אַרום וואַכן. עס קומען יידן צו צוואַנגס־אַרבעט. אַלע איינגעטוליעט אין שווערע בורקעס. די לענדן אַרומ־געגומען מיט שטריק־גאַרטלען. די היטלען אַראָפּגערוקט איבער די אויערן. דער פראָסט נעמט אַדורך די ביינער. מענטשן האַלטן פאַרוקט די הענט אין די אַרבל, קלאַפּן פוס אין פוס. זיי וואַרטן אויף דעם קאָלאָנע־פירער. ביסלעכוויז ווערט די גאַס פול מיט

מענטשן. די זון איז פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, קוקט אָפּער מיט אַ פאַר־מרוזשעט אויג. מענטשן טראָגן פּעקלעך, וואַליזקעלעך. מאַמעס קומען אַרויס מיט קינדער אין וועגעלעך, אויף שליטעלעך. עמעצער לייגט אַוועק ביי דער גטעטאָ־צוים אַ פּעקעלע. קריסטן פון דער צווייטער זייט נעמען עס אַוועק און לייגן אַוועק אַן אַנדער פּעקל.

צווישן צוויי גאַסן, אויף אַ ליידיק פּלעצל האָבן יידן זיך גע־מאַכט אַ מאַרק; מען האָט אויף מולטערס, אויף לאָקשנברעטער צע־לייגט גאַלאַנטעריע־סחורה און שניט. אויף סטראַגאַנעס, געמאַכט פון קעסטלעך זענען צעלייגט טיול־שטאָפן. אויף קינדער־וועגעלעך פירט מען צו פאַרשידענע קיך־געפעס, כלים. אַ יידענע שטייט ביי אַ סאַמאָוואַר און פאַרקויפט געקאָכט וואַסער. יונגע קינדער — יינגלעך, מיידלעך, דרייען זיך אַרום מיט בעקנס געבראָטענע קאַר־טאָפל, מיט געזאָטענע באָבעס. איינער פאַרקויפט אַ העמד, און קויפט אַ הייפּטל קרויט. אַ צווייטער ברענגט אַ פּאָר שטיוול. אַ דריי־טער טראָגט אויפן פּלייצע אַ זעקעלע קאַשע. מען זוכט ברויט, גרייט צו טוישן אויף צוקער, אָבער גראָד ברויט איז נישטאָ.

אויף אַ שוועל, ביי דער טיר, אויפן עק גאַס זענען געזעסן יידן צוגעדעקט מיט צעריסענע דעקעס, די פּיס אומבאַוועגלעך ווי קלע־צער, דאָס פּנים געשוואָלן און דאָס מויל אָפן, ווי אַ פיש וואָס וויל כאַפּן דעם אָטעם.

— ברויט! ברויט! האָט רחמנות! גיט אַ פּעניצל ברויט.

קינדער אָנגעטאָן אין טאַטנס מאַרינאַרקע, אין שיך מיט אויפ־געריסענע זוילן, פאַרבונדן מיט שטריקלעך דרייען זיך אַרום אויפן פּלעצל:

— גיטס עפּעס, גיטס עפּעס!

ד

יורי האָט געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט זיינע פּאַרטיי־חברים. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ארקע זאָל פאָרן קיין וואַרשע און זיך באַראַטן מיט די דאָרטיקע פּאַרטיי־חברים. דערווייל מוז מען טאָן וואָס עס לאָזט זיך צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע. יורין זענען צוגעטיילט געוואָרן צוויי גאַסן, ער זאָל זיך דערוויסן ווער עס נויטיקט זיך אין באַלדיקער הילף.

אין געטאָ האָט די יוגנט געשאַפן קולטור־קרייזן. בסוד סודות האָט מען געהאַלטן דאָס אָרט פון דער ביבליאָטעק. עס איז געעפנט געוואָרן אַ קינדער־היים. חנוכה האָט מען פאַר די קינדער איינגעאָרדנט אַ טראַדיציאָנעלן חנוכה־אָוונט. די שולן זענען פול געווען מיט מתפללים. צו פּורים האָט מען געגרייט אַ פּורים־פאָרשטעלונג. יידן האָבן געפּראַוועט שמחות. הערשלס ברודער האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער. די חתונה האָט מען געפּראַוועט ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. די געשטאַפּאָ האָט זיך אין געטאָ נישט באַוויזן.

מיטאַמאָל, עטלעכע טעג פאַר פּורים, האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן אין גאַס, אַז אַלע יידן מוזן זיך מעלדן מיט זייערע דאָקומענטן.

צו יורין זענען געקומען די שכנים:

— יורי, וואָס זאָגסטו? זאָל מען זיך צושטעלן?

— יאָ, אָבער נישט מאַכן קיין פּאַניק.

יורי מיט הערשלען זענען אַוועק זיך מעלדן. שרהטשע האָט זיי באַגלייט, אסתרל איז געבליבן אליין מיט פראַדעלען, ווי אַ פאַרבלאָנקעטע שעפעלע איז זי געלאָפן פון שטוב צו שטוב און גערופן:

— טאַטעשי! טאַטעשי!

יורי און הערשל זענען געקומען, ווי ברוגז איינער מיטן צווייטן זיך געהאַלטן, נישט גערעדט צו זיך. די פּנימער שטייפע, ווי אַלע נערוון וואָלטן מיטאַמאָל זיי פאַרקלעמט געוואָרן. אַ מרהשחורה־דיקייט איז אויף זיי פאַרצויגן געווען, סיי שרהטשע, סיי צפּורה האָבן עפּעס מורא געהאַט זיי צו פרעגן, וואָס די פאַראָרדענונג פון מעלדן זיך קאָן באַטייטן. זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז עס וועלן אַרויסגעגעבן אַרבעטסקאַרטן אָנגעצייכנט אויף זיי די אותיות „אַ” און „בע”.

אַ גאַנצע נאַכט האָט יורי נישט געקאָנט איינשלאָפן.

— וואָס איז? האָסט זיך עפּעס דערוווּסט? — האָט שרהטשע אים געפרעגט.

— די אותיות „אַ” און „בע” באַאומרויִקן מיך. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ באַטייטש זיי האָבן?

— אפשר זאָלן מיר דאָך זיך באַמיען אַרויס פון געטאָ.

— איך וועל דאָ זיין ווי לאַנג אַלע וועלן זיין.

— אפשר דאָס קינד אַרויספירן?

— פאַרוואָס עפּעס נאָר אונדזער קינד. עס זענען דאָ נאָך קינדער אין געטאָ.

— איך וועל אַ שמועס טאָן מיט דער לערערקע לוצינע. איך וויל זי זאָל בעמען צו זיך אסתרלען. לוצינע וועט אַלץ פאַרשטיין. אסתרל וועט נישט מורא האָבן צו זיין מיט איר. און, דער עיקר לוצינע איז אַ גוטער אָרנטלעכער מענטש.

די טיר האָט אויפגעפּראַלט. צפּורה מיט הערשלען זענען אַריינגעלאָפן דערשראָקענע:

— עס איז עפּעס פּלוצים ליכטיק געוואָרן אויף דער גאַס. די גאַס־לאַמטערנעס ברענען. מיליטער מאַרשירט. .

יורי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט געזען באַוואָפנ־טע מיליטער־לייט לויפן ווי אויפגערייצטע הינט. ער איז אָפּגע־שפּרונגען. ערגעץ פון ווייט האָבן זיך דערטראָגן געשרייען.

באַגינען זענען צו יורין אַריינגעקומען די שכנים:

— אויף דער גאַס ליגן טויטע. אָט דאָ נישט ווייט ליגט דער־שאָסן אַ פרוי מיט אַ קינד! וואָס טוט מען, יורי?

אין דער מינוט איז אַנגעלאָפן עלקע, די לערערקע פון דער פאָלקסשול. זי איז געווען איינגעהילט אין אַ פאַטשיילע.

— אַ „ווישעדלעניע". טויזנטער יידן זענען ביינאַכט אַרויסגע־טריבן געוואָרן. עס זענען דאָ טויטע. מען האָט גענומען די אייגערס. רבקה די וויינהענדלערקע און ברײַנדל די בייגל־פאַרקויפערין זע־נען משוגע געוואָרן פון שרעק, בעת דער מהומה האָבן זיי געטאַנצט. מירטשע די מילנערקע האָט אַ שטיין געוואָרפן אויף אַן עס־עס־מאַן. זי ליגט אַ דערשאָסענע. לאָזט מיך זיין מיט אייך! איך וויל זיין מיט אייך! — איז עלקע מיט געוויין צוגעפאַלן צו שרהטשען.

ה

נאָך דער אויסזידלונג.

אויף דער גאַס אַ מוראדיקע שטילקייט און פוסטקייט. פון צייט צו צייט פאָרט דורך אַ וואָגן פון יודנראַט און נעמט צונויף די טויטע. עלקע האָט זיך באַרויקט און איז אַוועק צו זיך אַהיים. יורי איז אַוועק צו מענדלען. דאָרטן זענען שוין געווען עטלעכע חברים. מען האָט אַרומגערעדט די לאַגע.

— אויף וואָס וואַרט מען? אויף נסים? — האָט יורי אַ פֿרעג געטאָן.

— ארקע איז אויף דער אַרישער זייט, זוכט פֿאַרבינדונג מיט פּוילישע אונטערערדישע כּוחות. מיר וואַרטן אויף אַ ידיעה — האָט מען אים דערקלערט.

— און דערווייל?

— מען דאַרף ארקען געבן הילף.

— ווו איז ער?

— אין שפּיטאָל... אונטערן נאָמען — וואַצעק!...

— איך גיי צו אים! גיט אים איבער, אַז איך קום גלייך! — האָט יורי געמאָלדן און איז שנעל אַרויס פֿון שטוב. אויפֿן וועג איז ער אַריינגעלאָפֿן צו זיך אין שטוב. שרהטשע האָט געהאַלטן אויף דער קני אסתרלען און אַריינגערעדט אין איר:

— געדענקסט, טאָכטערשי, גישט אסתרל, נאָר וואַנדאַ איז דיין נאָמען! די לערערקע לוצינע איז דיין מומע, געדענק! און איצט לאָמיר גיין צו דער מומע לוצינען.

יורי האָט זי נישט אָפּגעהאַלטן. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער גייט אין שפּיטאָל און דאָרט וועלן זיי זיך טרעפֿן. זי דאַרף זיך פֿרעגן אויף וואַצעקן. ער האָט איר אָנגעוויזן דורך וועלכע וועגן זי זאָל אַרויס פֿון געטאָ.

צפּורה האָט אָפּגעשמועסט מיט שרהטשען, אַז זי זאָל זען אַן אָרט אויך פֿאַר איר פֿראַדעלען. הערשל האָט אַרויסגענומען זיין גאָלדענעם זייגער און אַריינגעלייגט אים אין שרהטשעס בייטל „ס'וועט דיר צוניץ קומען" האָט ער צוגעוואָרפֿן. דורך זייטיקע גאַסן און הינטערגעסלעך איז שרהטשע געגאַנגען מיט אסתרלען „ביסט מיד, וואַנדאַ?" — האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעפֿרעגט, כּדי

צוגעוווינען דאָס קינד צו איר נייעם נאָמען. באַלד, באַלד — וועלן מיר שוין זיין ביי דער מומע לוצינאַ.

ענדלעך איז זי אַרויס פון געטאָ און זיך אַ קער געטאָן צו דער גאַס ווו עס איז דאָ אַ שול. זי האָט אַליין באַוווּנדערט איר רויִקייט, און דאָך, ווי זי איז צוגעקומען צום הויז ווו לוצינע וווינט, האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן ווי אַ האַמער וואָלט אינעווייניק געווען.

שרהטשע האָט נישט געקלונגען, נאָר אָנגעקלאַפּט. אַזוי איז געווען אָפּגערעדט. לוצינע, אַ הויכע, שלאַנקע מיט בלאָנדפּלאַקסענע האָר, געשוירן מענעריש, האָט שרהטשען נישט דערקענט, אָבער צו אסתרלען האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט און זי געבעטן צו־וואַרטן אין צווייטן צימער, ווו עס איז געשטאַנען אַ ביכער־שענקל און אַ קליין שרייב־טישל. — וואַנדזשולאַ! — איך הייס קריסטינאַ, דער טאַטעשי דיינער — וואַצלאַוו, געדענק מיין קינד.

לוצינע איז אַריינגעקומען. זי איז געשטאַנען מיט פאַרבראָכע־נע הענט און אַ שטילער צער האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן.

שרהטשען האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט. זי האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. זי האָט ארומגענומען דאָס קינד און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן.

ראָזעווע פלעקן האָבן באַדעקט לוצינעס פּנים. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום קינד:

— וואַנדאַ, וואַנדזשולאַ! קינד מיינס, האָסט געבענקט נאָך דער מומען, געדענק! נו, נעם מיך אַרום, וואַנדזשולאַ, נעם מיך אַרום, טייבעלע!

שרהטשע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. לוצינע האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף די ליפּן. שרהטשע האָט פאַרשטאַנען דעם ווונק.

פאַרן אַוועקגיין האָט שרהטשע אַוועקגעלייגט איר בייטל אויפן

שרייב־טישל. זי האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף איר טעכטערל. דאָס קינד האָט זיך געווישט די טרערן. לוצינע האָט אַראָפּגענומען פון איר האַלדז דאָס קייטעלע מיט דעם צלמל און דאָס אָנגעטאָן דעם קינד. שרהטשע איז אַוועק. זי האָט אַ צייט אַרומגעבלאָנקעט אין די גאַסן. עס האָט זי געמאַטערט דער געדאַנק אַז איר קינד קאָן איר בלייבן פרעמד און אפשר אינגאַנצן פאַרגעסן זי. ווער ווייסט ווי לאַנג זי וועט נישט אָנקוקן דאָס קינד? זי האָט זיך דערמאנט יוריס יווערטער: „עס זענען דאָ נאָך קינדער אין געטאָ — און אַ ביטער געפיל, אַ שווער שולד־געפיל, האָט געפּרעסט אויף איר נשמה. עס איז געוואָרן שפּעט. זי איז אַוועק אין שפּיטאָל צו וואַצעקן.

אין שפּיטאָל־פּאָדערהויז, וואָס האָט געבלענדט מיט ווייסקייט, האָט זי דערזען וואַצעקן אָנגעטאָן אין אַ ווייסן כאַלאַט און אין גאָלד־ברילן פאַר אַ טישל מיט מעדיציניש אינסטרומענטן. ער האָט זי באַגריסט און געבעטן זי זיצן ביז ער וועט פריי ווערן.

ו

יורי האָט שוין געהאַט איבערגענומען פון אַרקען אַלע ידיעות צי עס איז מעגלעך אַ פאַרבינדונג מיט פּאַרטיזאַנער־גרופּעס. ער האָט אויך מיטגענומען דאָס פּעקל פאַר מענדלען. ער האָט זיך גע־מאַכט אַ הויקער; גענומען שרהטשען אונטערן האַנט און ביידע זענען אַוועק אין געטאָ איבערצוגעבן מענדלען די עטלעכע רע־וואָלווערן.

אין געטאָ זענען פאַרפאָרן גרויסע מיליטער־לאַסט־אויטאָס און זיך אָפּגעשטעלט ביים שפּיטאָל. עס־עס־לייט האָבן זיך אַריינגע־

ריסן אין די צימערן, אַרויסגעטריבן די דאָקטוירים, די קראַנקנ־שוועסטער און זיי געיאָגט איינצושטייגן אין די אויטאָס. זיי האָבן אפילו נישט געשוינט די קראַנקע, אַראָפּגעשלעפּט זיי פון די בעטן, געשלאָגן. די קראַנקע, וואָס האָבן נישט געקאָנט גיין, האָבן זיי דער־שאָסן אויפן אָרט.

אויף אַנדערע גאַסן האָבן עס־עס־לייט אַרויסגעיאָגט די יידן פון זייערע וווינונגען, אַריינגעשאָסן אין אָפענע פענצטער און טירן; געזוכט אין קעלערס. טעמפּע שווערע קולות, ווי אַ געברום פון חיות, האָבן פאַרהילכט די אויסגעשטאָרבענע גאַסן.

אין יודנראַט איז דער האָל פול געווען מיט יידן. מענער, פרויען און קינדער האָבן מיט געוויין זיך געשטופּט צו די יודנ־ראַטלער.

— וווהין שיקט מען אונדז? פאַרוואָס זאָגט מען נישט וווהין?

— דאָס גאָלד צוגענומען, איצט נישטאָ מיט וואָס צו ראַטע־ווען זיך.

— קיין גאָלד, קיין קאָנטריבוציע וועלן נישט העלפן. מען קאָן נישט מבטל מאַכן די אויסזידלונג — האָט איינער פון די יודנראַט־לער גערעדט צום עולם.

— יידן, זיי, זיי זענען שולדיק אין אונדזער בראָך! — האָט עמעצער געהויבן די פויסטן, אָנווייזנדיק אויף די יודנראַטלערס.

יוריס קעלער איז נישט געווען פאַרמאַסקירט. צפורה און הערשל זענען אַוועק אין אַ שכנותדיק הויז, ווו דער קעלער איז גע־ווען גוט באַוואָרנט. עס זענען אָבער די ווענט פאַרצויגן געווען

מיט שימל. עס האָט געשטיקט אַ דעמפּיקער, טוכלער ריח. קיין וואַסער צום טרונקען איז נישט געווען. די פּנימער פון די באַהאַל־טענע האָבן זיך פון שעה צו שעה מער איינגעשרומפּט און באַקומען אַן ערד־קאָליר.

אַן עופּעלע אויף דער מוטערס הענט האָט זיך צעוויינט, האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ ציטער:

— דעם קינדס געוויין וועט אונדז אומברענגען! — האָט מען זיך געכעסט.

מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט טריט. עמעצער האָט געטאַפּט, געדראַפּעט. די מוטער פון וויינענדיקן קינד האָט אין שגעון־שרעק דאָס עופּעלע פאַרוואָרפן מיט קישנס און זיך אַרויפגעזעצט דערויף. דאָס דראַפּען האָט נישט אויפגעהערט.

דאָס טירל פון קעלער האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריין שמאי גריי, דער פריזירער־יונג, אַ טונקעלער פאַרשוין, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט אים געקענט. ער האָט לאַנג געזוכט דעם קעלער, גע־טאַפּט אין דער פינצטער ביז ער האָט אים געפונען.

— דער רב תלמוד, דער רב תלמוד? ווו איז דער רב תלמוד?

— האָט ער געפרעגט — איך וויל אים נעמען אין מיין מאַלינע. איך האָב אים שוין אַרומגעזוכט אין אַ סך קעלערס.

מען האָט אים נישט געענטפערט. אַלע האָבן מורא געהאָט, אַז ער וועט מסרן. די מוטער פון קינד האָט אַראָפּגעוואָרפן די קישנס פון קינד. אַ מוראדיק געשריי האָט דורכגעריסן דעם חלל און זי איז געפאַלן אין חלשות — דאָס קינד איז געווען טויט.

— גייט אַרויס פון דאַנען — האָט שמאי גריי גערופן — עס קומט פאַר אַ רעגיסטראַציע. מען קריגט אַ קאַרטע „יאָט״, מיט אַזאַ קאַרטע בלייבט מען לעבן.

ד. זאַקאַליק

— גלייבט נישט די רוצחים — האָט זיך דערהערט בן־ציון יואלס קול.

דורך דעם אָפענעם טירל איז אַריינגעדרונגען אַ ביסל לופט. די באַהאַלטענע האָבן זיך אַ ווײַלע געקווענקלט, געקוקט אויף בן־ציונען, אויף שמאי גריי און איינציקוויז זיך אָנגעהויבן אַרויסצו־רוקן פון קעלער.

די געטאָ־גאַסן זענען פוסט. די הייזער חרוב, טיר און פענצטער אויפגעפּראַלט, שוואַרצע לעכער. ס׳וואַלגערן זיך מלבושים, וועש, שטוב־כלים. אויף איין אָרט ליגט אַן איבערגעקערט קינדער־וועגע־לע. אויף אַ צווייט אָרט אַן אויפגעריסן פּעקל, אַן אָפענע וואַליזקע. פון צעריסענע פּערינעס הייבן זיך אין דער לופט פוך, פעדערן, ווי אַ שניי וואָלט געפאַלן. עס פּאַרט אַרום דער וואָגן פון דער רייני־קונגס דינסט־קאָמאַנדע. מען רוימט אָפּ די גאַסן, מען שליידערט, ברעכט, וואַרפט אין וואָגן אַריין...

ביים אַרבעטסאַמט אין יודנראַט זענען יידן געשטאַנען אין אַ לאַנגער ריי צו קריגן די קאַרטע מיטן „יאָט״. יידן פאַרפייניקטע, צעבראָכענע איינציקע מיטגלידער פון גרויסע משפּחות, מיט אויס־געדאַרטע פּנימער פון וועלכע ס׳האָבן אָפּערגעקוקט אויסגעלאָשענע אויגן. יעדן טאָג זענען פרישע גרופּעס יידן אַרויס פון די באַהעל־טענישן. זיי האָבן געגלייבט, אַז די קאַרטע וועט זיי ראַטעווען. דאָס זענען געווען רעשטלעך פון די פינף און פערציק טויזנט לובלינער יידן. אין עטלעכע טעג אַרום איז קלאָר געוואָרן, וואָס מיינט די קאַרטע „יאָט״: אַלע יידן מוזן אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג זיך אַריבערטראָגן אין אַ נײַ געטאָ־אָרט — מיידאַן טאַטאַרסקי.

ז

אַ קליין דערפל, נישט ווייט פון שטאָט, באַוווינט דורך אַרבע־טער פון די שכנותדיקע פאַבריקן. קליינע הייזער געפאַרבט אויף ווייס און גרין מיט פיין געדעקטע שינדל־דעכער. אַרום יעדן הייזל אַ גערטנדל. דער טייל פון דאָרף איז געווען אַ שרייענדיקער קאָנ־טראַסט צום צווייטן טייל. דאָרט זענען געשטאַנען חרובע נידעריקע הייזלעך מיט צעלעכערטע שטרויענע דעכער, אָן פענצטער אָן טירן, דאָס זענען געווען אַמאָל, ווייזט אויס, פערד־שטאַלן, אָדער חזירים־בלעווס. דאָ אַהער זענען אַריינגעטריבן געוואָרן די פאַרבליבענע דריי טויזנט פינפהונדערט יידן. דער שטח איז אַרומגעצוימט גע־וואָרן מיט טאָפּלטע שטעכל־דראָטן. אויך די יודנראַטניקעס מיט דער אָרדענונגסדינסט זענען איבערגעפירט געוואָרן אַהער אין געטאָ 2, מיידאַן טאַטאַרסקי.

צפורה און הערשל האָבן זיך נישט געקאָנט דעצידירן צו גיין אין מיידאַן טאַטאַרסקי:

— מען דאַרף נישט גיין אַהין. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז מען גייט צום טויט — האָט צפורה זיך געבעטן ביי הערשלען.

— דער אייבערשטער האָט פון פינאַונפערציק טויזנט יידן אונדז געלאָזט לעבן, גלייב איך אין זיין חסד, און אין זיין השגחה.

— ניין, לאָמיר גיין צו יורין און שרהטשען.

— מיט יידישע פנימער צווישן גויים! וואָס רעדסטו, צפורה!

ביינאַכט זענען יידן אַרויס פון די באַהעלטענישן און דורך זייטיקע וועגן זיך אַריינגעכאַפּט אין מיידאַן טאַטאַרסקי, — אבי זיין

צווישן יידן, — האָבן זיי דערקלערט און אויסגעטייטשט פאַר אַנדע־רע פאַרוואָס זיי זענען געקומען.

שמאי גריי האָט פאַרן אַריינגאַנגס־טויער געעפנט אַ טיי־האַלע. יעדן טאָג איז ער געקומען אונטערן פענצטער פון הרב תלמודס חדר און מיט אַן אויפגעלייגטער שטים אַריינגעשריגן:

— כ'וועל חתונה האָבן ווי אַ ייד, רבי!

צפורה און הערשל זענען אַריבער אין געטאָ 2, אָבער צפורה האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאַרבלייבן דאָרט. הערשל האָט זיך ביי איר געבעטן רחמים זי זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די פלע־נער וועגן דער אַרישער זייט.

איין מאָל אין מיטן נאַכט האָט הערשל דערהערט פאַרדעכ־טיקע שטימען, האָט ער אַרויסגעפירט צפורהען פון דער שטוב, אַריין מיט איר אין אַ האַלב איינגעזונקענער חורבה מיט אַן איינגע־פאַלענעם שטרוי־דאַך און זיך פאַרקאָפּעט צווישן שטרוי.

באַגינען האָבן עס־עס־לייט אַרויסגעטריבן די יידן פון די הייזלעך און זיי צוזאַמענגענומען אויף איין פּלאַץ. כדי צווינגען אַלע יידן אַרויס פון די הייזער און באַהעלטענישן — האָבן זיי, די עס־עס־לייט, געוואָרפן גראַנאַטן און אַריינגעשאָסן אין טיר און פענצ־טער. אַז עס זענען שוין דורכגעזוכט געוואָרן אַלע הייזער און חורבות האָט מען אויסגעשטעלט אַלעמען אין רייען, צו פינף אין אַ ריי, און אונטער אַ וואַך פון באַוואָפנטע זעלנער, פון וועלכע אַ סך האָבן גע־פירט וועלף־הינט — האָבן זיי אָפּמאַרשירט אין דער ריכטונג פון הויפּט־שאָסיי.

אַלע יידן זענען געטריבן געוואָרן קיין מיידאַנעק. באַלד ווי די יידן זענען אַרויס פון דאָרף, איז אין די הייזער אַריין די רייניקונגס־דינסט־קאָמאַנדאָ, אויסגערוימט אַלץ, וואָס ס'האָט געהאַט אַ שטיקל

ווערט און די הייזלעך אונטערגעצונדן. זיילן רויך האָבן זיך אויפֿ־געהויבן אין די הימלען און פֿאַרשטעלט די אויפֿגייענדיקע זון...

ח

יורי און שרהטשע זענען אַרויס פֿון ערשטן געטאָ באַלד ווי ער האָט איבערגעגעבן מענדלען דאָס פּעקל פֿון אַרקען און אין געטאָ האָבן די עס־עס־לייט אַרויסגעיאָגט די יידן פֿון זייערע וווינונגען, אַריינגעשאָסן אין אָפֿענע טירן־פֿענצטער. זיי זענען אַוועק אין דעם ערשטן דאָרף צום פּויער, וואָס האָט צוגעזאָגט יורין אויפֿצונעמען שרהטשען און צפּורהען ווי אייגענע, און ער איז דאַמאָלט פֿון וועג אַוועקגענומען געוואָרן אין מיידאנעק.

אין אַ פּויערישן שייער, באַהאַלטן אונטער אַ סטויג זענען געלעגן — יורי מיט שרהטשען. פֿאַרנאַכט פֿלעגט אין שייער אַריינ־קומען דער פּויער אויסרייניקן דעם שייער און איבערגעבן יורין, וואָס עס הערט זיך אין געטאָ.

איין מאָל איז דער פּויער אַריינגעקומען אין שייער נישט אין דער געוויינלעכער צייט און האָט געמאָלדן יורין, אַז ער וועט לענ־גער נישט קאָנען בלייבן דאָ, מחמת אין דאָרף רעדט מען, אַז דאָ באַהאַלט זיך ווער. די באַבע האָט מורא. אויך דער זון איז אָנ־געשראָקן.

יורי האָט שוין נישט איינמאָל גערעדט מיט שרהטשען, אַז זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן פֿון דעם דאָרף. עפּעס האָט דער זון, סטעלאַכס,

די לעצטע טעג זיך צו אַפּט געדרייט אַרום דעם שייער. ער האָט באַשלאָסן זיך אַריבערצוציען אין אַ צווייט דאָרף, נאָר פריער אַרייני באַקומען זיך אין געטאָ און אַרויסנעמען פון דאָרט צפורהען מיט הערשלען.

פאַרנאַכט איז ער אַוועק. געווען אין וועג אַ גאַנצע נאַכט, ביז אין טאָג אַריין. דעם גאַנצן טאָג אָפּגעלעגן אין אַ וואַלד און אין אָוונט ווידער געגאַנגען. שפּעט ביינאַכט האָט ער פאַרלוירן דעם וועג און איז געבליבן נעכטיקן אין פעלד. פאַרטאָג איז ער אַרויף אויף אַ זייטיקן וועג, וואָס האָט געפירט צו אַ ברייטן שליאַך, אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו מאַכן עטלעכע טריט — זענען פאַר אים אויסגעוואקסן צוויי דייטשן.

— יודע ?

יורי האָט נישט געענטפערט.

— מארש !

זיי האָבן יורין געפירט צו אַ באַן־סטאַציע. אַ גרויסע מחנה יידן זענען געטריבן געוואָרן איינצושטייגן אין וואַגאָנען. אַ יאָמער־לעך געוויין פון פרויען און קינדער. עס־עס־לייט האָבן געשלאָגן מיט קאָלבעס, אַריינגעשטופּט אין פולע וואַגאָנען און פאַרקלאַפּט די טירן. יורין האָט מען קוים אַריינגעקוועטשט אין אַן איבערפולטן וואַגאָן. אַ פאַרקלעמטער און איינגעפּרעסטער צווישן מענטשלעכע גופים האָט ער נישט געקאָנט אַרויסציען אַ האַנט, אַ ריר טאָן מיט אַ פוס.

דער צוג האָט גערירט. דער דאָרשט מאַטערט. די צונג ווי אַ שטיק לעדער. אין קעל ברענט. מען לעקט דעם שוויס מיט די ליפּן. אַ קינד כאָרכלט אין גסיסה : מאַמעשי אַ טרונק, אַ טרונק.

דער צוג פאָרט.

— לאָמיר אויפברעכן די טיר! — שרייט יורי.

— ווי? מיט וואָס? האָט ווער אַ מעסער? — רופט ווער פון אַ ווינקל.

באַגינען. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען רוקט פֿאַנאַנדער די טירן. די צונויפגעדריקטע מענטשן־מאַסע ווערט באַגאָסן מיט אַ כוואַליע ליכט. מיט אָפענע מיילער עטעמט מען אַריין די פרישע לופט, ווי אַ פיש אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג טייך. עס־עס־לייט ריטשען:

— לאָס! לאָס!

זעלנער שטופּן פון די וואַגאָנען פרויען, קינדער פאַרחושטע, טויטע בלייבן ליגן אויף דער ערד. עס פאָרמירן זיך פינפער־רייען. עס־עס־לייט זענען אויסגעשטעלט, גרייט צום שיסן.

— מאַרש! לאָס!

די רייען האָבן זיך אַ ריר געטאָן. זיי ציען איבער פעלדער און זאַמדן. אַ לאַנגער, לאַנגער מענטשן־צוג. דאָס אויג באַנעמט נישט די לענג. דער צוג איז אַריין אין אַן אָפּגעצוימטן געביט. אַנדערע וואַכן האָבן איבערגענומען דעם טראַנספּאָרט. אַ ציווילער דייטש איז אָנגעלאָפן און אָנגעהויבן קלייבן מענטשן צו דער אַרבעט. די אָפּגעקליבענע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען. יורי האָט זיך צוגערוקט צו זיי. דער דייטש האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט — און די מענטשן האָבן זיך גערירט פון אָרט. ער פאָרויס און זיי מאַרשירן נאָך אים.

לאַגער סאָביבאָר, לייענט מען אויף אַ שילדל — אַ גרויסער אַרומגעצוימטער פּלאַץ. אַרום אַ פייער אין מיטן פעלד טאַנצן מענטשן. אַ פידלער שפּילט. עס־עס־לייט מונטערן די טאַנצנדיקע יידן מיט נאַהייקעס, שטעקנס. מענטשן פאַלן, הייבן זיך אויף און טאַנצן.

ביינאַכט. אויף דער נאַרע, האָט יורי זיך געשושקעט מיט זיין שכן, אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, אַ קליין, שוואַך באַשעפעניש מיט אַ קליין פנימל און גרויסע אומעטיקע אויגן. ער האָט יורין אַריינגעשעפטשעט אין אויער:

— פון דאַנען, פון סאָביבאָר, גייט מען נישט אַרויס. פון יעדן איינעם ווערט אַ בערגל אַש. פריער, אָדער שפּעטער וועלן מיר אויך פאַראַשט ווערן.

יורי האָט אים דערציילט וועגן זיך, וועגן מיידאַנעק. געמוטיקט אים: נאָר נישט מייאש זיין זיך, ברודער. אויב מיר וועלן מאָרגן אַרבעטן מחוץ פון דעם לאַגער־שטח, איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך. איך האָב אַ פּלאַן... האָט יורי אים געזאָגט אויפן אויער — אויב דו קאָנסט, שאַף זיך איין אַ מעסער.

באַלד נאָכן מאָרגן־אַפּעל איז יורי מיטן שכן אַוועקגענומען געוואָרן דורך דעם וואַכמאַן מיטן פלאַטשיקן פּנים און פאַרנייטער באַק. דער שכן האָט אַריינגעלייגט זיין מעסער צו יורין אין קעשענע. זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויף אַ שמאָלן פעלד־שטעגל, וואָס פירט צום וועלדל. יורי האָט פלינק פאַרשטעקט דאָס מעסער אין אַרבל, און ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום וועלדל, האָט ער מיט די אויגן אַ ווונק געטאָן צום חבר. יענער האָט זיך אַ בויג געטאָן, אָנגעכאַפּט אַ הויפן זאַמד און אַ שאָט געטאָן דעם וואַכמאַן אין די אויגן. יענער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן... אַ מאָמענט — און דאָס מעסער איז אים געבליבן שטעקן אין נאַקן. — — — — — — —

*

יורי איז אַנטלאָפן אויף אַ באַזונדערן וועג, און זיין חבר אויף אַ צווייטן וועג.

יורי איז געגאַנגען דורך וועלדער, זיך געשאַרט איבער פעל־דער. ער איז אָנגעקומען אין אַ דאָרף. ער איז אַריין צום פויער פון דער ערשטער כאַטע. ער איז געקומען זוכן אַרבעט — האָט ער גע־זאָגט צו דער פויערטע. צי זי קאָן אים געבן עפּעס צו עסן ? — האָט ער געבעטן.

די פויערטע, אַ הויכע מיט אַ ברייט פּנים, וואָס האָט גע־שפּראָצט מיט גבורה, האָט אים געשראָקן — זי זאָל נישט דערקע־נען אין אים, אַז ער איז אַ ייד און אים אויסגעבן די דייטשן. אירע קליינע שוואַרצע אויגן האָבן אָבער געפינקלט מיט גוטסקייט, ווייכקייט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברייט קלייד, אויף דעם קלייד געהאַט פאַרוואָרפן אַ פאַרטוך, אויפן פאַרטוך אַ שטיק לייוונט. זי האָט אים דערלויבט זיך צו זעצן און אים דערלאַנגט אַ טעלער באָרשטש. יורי האָט אָפּגעגעסן און געדאַנקט, זי געבענטשט, איז אָבער נישט אַוועקגעגאַנגען. ער האָט נאָך אַ ביטע, זאָגט ער: זי זאָל אים דערלויבן זיך צו לייגן, ווו עס איז, עס קאָן זיין אפילו אין דער שטאַל. די פויערטע האָט צוערשט געזאָגט, אַז זי האָט בכלל נישט קיין שטאַל. אָבער נאָך גרויסע תחנונים האָט זי אים אַריינגע־לאָזט אין דער שטאַל אַריין.

ביינאַכט האָט יורי זיך געגעבן צו דערקענען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פויער קען אים גאָר גוט. ער האָט אויך גע־קענט יוריס שווער. ער פלעגט אין הויפל ביי יוריס שווער תמיד איבערלאָזן דאָס פערדל מיטן וואָגן און דער שווער האָט קיין מאָל נישט געפאָדערט פון אים ער זאָל באַצאָלן. ער האָט אים געמאַכט אַ באַהעלטעניש אין קעלער, וואָס אין פאָדערהויז פון זיין כאַטע, ווו ער האָט שטיין די קו.

די גאַנצע נאַכט האָבן געדונערט האַרמאַטן. מאַשין־ביקסן האָבן געקנאַקט אָן אויפהער. סנאַפּעס ליכט האָבן דורכגעשניטן די

פינצטערניש, ווי זיי וואַלטן בגעוואַלד געוואַלט פאַרטרייבן די נאַכט און ברענגען דעם טאָג. ערשט באַגינען האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַרטילעריע־קאַנאָנאַדע. עס האָט זיך נאָר געהערט אַ ווייטע ביקסן־שיסעריי. די וואַרעמע שטראַלן פון דער פרימאָרגן־זון האָבן גע־טריקנט דעם טוי אויף די שינדל־דעכער און אַ פּאָרע האָט פאַרהילט די נידעריקע, ווייס־געקאַלכטע דאָרפישע הייזלעך.

יורי איז געשטאַנען אין זיין באַהעלטעניש, האָט אָנגעשטרענגט זיין געהער און מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער פויער זאָל קומען אַוועקרוקן די שטיינער און ברעטער פון דעם פאַרמאַסקירטן קעלער־אַריינגאַנג, ווי ער טוט עס תמיד, בעתן אַריינגעבן דאָס עסן אין דער פרי. די ביינאַכטיקע שיסעריי האָט אים געקלונגען אין די אויערן ווי די שענסטע מוזיק: ס׳האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז לאַנג וועט ער שוין אין דער גרוב נישט זיצן, אַז די שעה פון באַפריי־אונג קומט. און ער האָט אין דמיון זיך פאָרגעשטעלט ווי ער גייט אַהיים. פריער וועט ער לויפן זען, צי שרהטשע איז אין דאָרף, אָדער אויך זי איז שוין אַוועק אין שטאָט. זיי וועלן זיך טרעפן. זיי וועלן אָפּנעמען זייער טעכטערל פון דער לערערקע לוצינע. אָט זענען זיי ביי זיך אין שטוב, אסתרקע לויפט ארום איבערן צימער, זינגט און שפרונגט. שרהטשע קוקט אויף אים, אויף דעם קינד. איר פּנים שיינט און די אויגן פול מיט טרערן... טרערן פון פרייד. האַ? אָבער פאַרוואָס הערט מען נישט דעם פויערס טריט. שטענדיק נאָכן מעלקן די קי גיט מען אים אַריין ברויט. אפשר איז עפּעס געשען און דער פויער האָט מורא צו דרייען זיך דאָ.

ער דערהערט טריט. יאָ, מען גייט... מ׳זוכט אוודאי. ער האָט זיך אַריינגערוקט אין דער גרוב, וואָס ער אַליין האָט מיט די הענט אויסגעגראָבן, און זיך צוגעדעקט מיט שטרוי.

מיטאַמאָל דערהערט ער דער פויערטעס הייזעריקע שטים. זי

רופט אים. מען רוקט אַוועק די ברעטער. מען רוימט אָפּ די שטיינער. ער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ. די פּויערטע שטייט, די הענט אויף די באָקעס און הייסט אים פאַרלאָזן דעם קעלער. זי קאָן אים מער נישט האַלטן. ער קוקט אויף איר מיט בעטנדיקן בליק. אויף איר פּנים באַוויזט זיך אַ שמייכל:

— יורי, דו ווילסט נישט אַרויס. איך זע, אַז די דירה געפעלט דיר, זיך צוגעוווינט האָ?

— איר ווילט מיך שוין מער נישט האַלטן?

— אוודאי, וויל איך אייך מער נישט האַלטן. איר קאָנט שוין גיין אַהיים — ענטפערט די פּויערטע און פּלאַצט אויס מיט אַ געלעכטער.

יורי איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער. וואָס איז דאָ געשען?

פּלוצלונג האָט ווי אַ בליץ דורכגעשניטן זיינע געהירן אַ געדאַנק: איך בין פריי, פריי! ער איז פלינק אַרויס פון גרוב. די פּויערטע האָט אים אַרומגעכאַפּט, געקושט. — איר זענט פריי, יורי! באַגינען זענען אָנגעקומען פּוילישע און סאָוויעטישע זעלנער. — זי האָט אים דערציילט, אַז דער מאַן איז אינדערפרי אַוועק אין שטאָט און האָט איר אָנגעזאָגט, אַז אויב ער קומט נישט גלייך צוריק, הייסט עס, אַז די דייטשן זענען אַוועק און זי מעג יורין אַרויסלאָזן פון זיין באַהעלטעניש.

*

— וווהין גייט מען איצט?...

ביי דעם געדאַנק איז אים עפּעס אַ פּחד באַפאַלן. די מויל־

ווינקלען האָבן נערוועז געציטערט. די אויגן האָבן ברייט זיך צע־עפנט און שטאַר געקוקט אין איין פונקט.

פאַרן אַריינגיין אין שטאָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט דערפילט אַ שטאַרק האַרץ־קלאַפּעניש. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאַלט אין אַ שוואַרצן תהום אַראָפּ...

— וועל איך וועמען טרעפן אין שטוב?

ס'איז דורכגעפאָרן אַ פויער מיט אַ פורל געגנדז, אויסגעבעט אויף שטרוי. ער האָט אים פאַרגעלייגט זיך אַרויפכאַפּן אויף דער פור.

— אַ דאַנק, גוטער מענטש. איך בין פון דאַנען, קען דעם וועג און וויל גיין.

אָט איז ער אין שטאָט. אויף דער גאַס אַ באַוועגונג. די קראָמען אָפן. מען קוקט אויף אים מיט מאָדנע בליקן. איינער פרעגט דעם צווייטן אויפן קול:

— אַ ייד?

אַ פאַרבייגייער, אַ קריסט, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, אַריינגעקוקט אים אין פּנים אַריין און אָפּצלמנדיק זיך אויס־גערופן מיט וווּנדער און שרעק:

— אָליא באָגאָ, טאָ זשידעק!

לילי — די טאָכטער פון מחבר

צו איר געבורטסטאָג אין יאָר 1938, װאַרשע. אומגעקומען דורך די נאַצי־מערדער

ד. זאַקאַליק און זיינע אומגעקומענע פרוי, רחל און טעכטערל לילי.
1937

ביכער פון זעלבן מחבר :

1. איבערגאַנג, ראָמאַן, װאַרשע 1931

2. חבר יאָזע בראף, ראָמאַן, װאַרשע, 1934